# פלאמען

צייטשריפט פון דער חלוצישער פועלי-ציון יוגנט
דרור-באראכאוו יוגנט אין פוילן

## 19-IV-1943
## 19-IV-1948




לאדזש
• מערץ-אפריל-1948 •
פרייז 15 זל.

Nr. 3



יזכור
עם ישראל
די געטאָ קעמפער און אַלע אין קאַמף
געפאַלענע חברים פון דער באַוועגונג,
וועלכע האָבן מיט זייער בלוט
געהייליקט דעם נאָמען פון ייד און מענטש...
א טײל פון דער רשימה
פון די אין קאַמף געפאַלענע חברים:
אַלטערמאַן נעניע
אַבערשטיין יוסף
אייגער אברהם
אייזענבערג דוד
בערלינסקי הערש
בעאַטוס פראַניא
בער געניע
באַרטמעסער נטע
גוטערמאַן יעקב
גרינבוים יצחק
דרייער אברהם
וויניצקי מאַניעק
וואַנסקי הערש
זאַיאַנץ הערמאַן
זשעלאַזגאַנורא הענער
יאַשינסקי לייב
יאַקובאָוויטש שושנה
לאַבענדער יפה
לויפער שלמה
לייבערט חיים
לאַבאַן אברהם
לענע שאנאן
ק/ פטפיש יצחק
מענעלאק בראנקא
מאנפרער
סאַבאַל שמואל
סטאַליאַר אברהם
סעלמאַן בתיה
סעלמאַן סאַניע
עלסטער פאלע
ערליך אליהו
פאַפיער זישא
פארבמאַן(קאזשוך)העלא
פרוינר עמוס
פערלשטיין לאה
קאַץ יעקב
ראַזענבערג ראובן
ריפשטיין רישא
ראַפאַפאָרט לייב
שולמאַן געניע
שטענגעל ישעיהו
שאַרפשטיין משה
Lublinski

# אין טאָג פון דערמאָנונג

מיט 5 יאָר צוריק איז דאָס געשען... מיט 5 יאָר צוריק איז דאָס וואַרשעווער געטאָ אריין אין קאמף מיט די דייטשע תלינים. דאָס וואַרשעווער געטאָ, דאָס אָרט פון די שוידערלעכסטע גרויל־טאטן, דאָס אָרט פון דער שרעקלעכסטער דערנידערונג פון מענטש איז אויפגעשטאנען. שווערער ווי־נישט־איז איז געווען צו קעמפן אין וואַרשעווער געטאָ, אָבער העלדישער ווי ווער־נישט־איז האָבן געקעמפט די געטאָ־אויפשטענדלער, וועלכע זיינען די ערשטע, אין דער גאנצער פארשקלאַפטער דורך היטלער־דייטשלאנד אייראָפּע, ארויס אין קאמף.

אויף אַ קליינעם שטח אין וואַרשע האָבן דייטשן צוזאמענגע־פּרעסט פיר הונדערט טויזנט יידן. טויזנטער פון זיי טאָג־טעגלעך גע־פירט צום טויט און די איבעריקע סיסטעמאַטיש געשטרעבט צו פאַר־ניכטן, באַרויבן פון יעטווערע מענטשלעכע געפילן, אומפעיק מאכן צו קאמף און ווידערשטאנד. די יידן זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער ארומיקער וועלט, וועלכע איז אומאויפהערלעך פארסמט געוואָרן מיט שנאה און פאראכטונג צו אַלדאָס יידישע.

און ביי דעם אַלעמען, האָבן פיל יידן זיך געלאָזט שפייזן מיט אילוזיעס בנוגע די אמתע כוונות פון די דייטשן. זיי האָבן זיך אונ־



**זכריה ארטשטיין**

קאָמענדאנט פון א קאמפּס־גרופּע פון „דרור" נאָכן דערשטיקן דעם אפּריל־אויפ־שטאנד האָט ער נאָך א פּאָר וואָכן צייט גע־קעמפט צווישן די חורבות פון געטאָ, ווו ער איז העלדיש אומגעקומען.

טער געגעבן דער דעמאָראליזירנדיקער ווירקונג פון געטאָ־לעבן.

די געטאָ־יידן, אלס טייל פון דעם אממערסטן געליטענעם פּאָלק האָבן געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע ליידן, וועלכע האָבן נישט קיין פּרעצעדענס אפילו אין דער אזוי טרויעריק רייכער געשיכטע פון דער יידישער מארטיראָלאָגיע.

די יסורים אליין האָבן געהייליקט די יידן אין געטאָ און עס וואָלט קיינער נישט געהאַט קיין רעכט זיי צו משפּטן, אפילו ווען אויסער א ים פון פּיין אָן א ברעג וואָלט דאָס געטאָ נישט אנטפּלעקט זיין גבורה. אָבער געטאָ — ספּעציעל דער וואַרשעווער — האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א פיבערהאפטע געזעלשאפטלעכקייט. קולטור און קעגנ־זייטיקער הילף. געטאָ — דאָס איז אויך געווען קאמף. דאָס וואַרשע ווער געטאָ איז אינגאנצן חרוב געוואָרן, אלע זיינע איינוווינער, א חוץ געציילטע יחידים זיינען אומגעקומען. אָבער דער סוף פון וואַרשעווער געטאָ, איז נישט געווען בלויז באגלייט מיט טרערן און שוואכקייט, נאָר מיט בונט און ווידערשטאנד. די לעצטע הייזער אין געטאָ זיינען צעשטערט געוואָרן ווייל זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט פאָ־זיציעס פון יידישן אויפשטאנד, ווייל יידישע יוגנט האָט פון זיי געשאָסן און געוואָרפן גראנאטן אויף די היטלעריסטישע אָקופּאנטן. די לעצטע יידן אין געטאָ זיינען געפאלן אין קאַמף אָדער פון די אייגענע לעצטע קוילן.

דער אויפשטאנד איז נישט געווען קיין פּלוצימדיקע און צופעליקע געשעעניש. עס האָבן צו אים געשטרעבט און געגרייט זיך די אויפ־שטענדלער אין משך פון זייער גאנצן זיין אין געטאָ. עס איז אויס־געשמידט געוואָרן די אויפשטענדלערישע טאַט אין דער דערציִער־שער ארבעט פון די חלוצישע יוגנט־באוועגונגען, אין דער געזעלשאפט־לעכער ארבעט פון די פארטייען; עס האָבן זיך צו אים געגרייט די חברים פון אונזער באוועגונג, די, וועלכע האָבן זיך אין דער גרעסטער טייל באטייליקט אינם אויפשטאנד. עס האָבן דעם אויפ־שטאנד אויסגעטראָגן די חברים פון אונזערע געטאָ־קבוצים און סני־פים, פון אונזערע געטאָ־סעמינארן און אין דער אונטערערדישער גימ־נאזיע פון „דרור".

אין רעזולטאַט איז דער אויפשטאנד געווען נישט קיין אַקט פון פארצווייפלונג, נישט קיין סטיכישער צער און צאָרן־אויסברוך, נאָר אַן אדורכגעטראכטער טאַט מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם ציל. דאָס איז געווען אַ יידישער אויפשטאנד, אַ קאמף פאַרן יידישן כבוד. פון צווישן די פאָרשלאָגן וועגן דורכרייסן זיך אין די פּארטיזאנער־וועלדער אָדער בלייבן קעמפן און פאלן אין געטאָ, איז דורך דעם רוב אָנגענומען געוואָרן דער צווייטער, כאָטש פון שטאנדפּונקט פון בעסערע קאמפּס־מעגלעכקייטן איז דער ערשטער פאָרשלאָג געווען אַ ריכטיקערער. הגם דער געטאָ־קאמף איז געווען אומאָפּטיילבאר פון אַלגעמיינעם קאמף פון פּוילישן אונטערערד, האָבן יידן געקענט און געדארפט קעמפן דווקא דאָרט, ווו עס איז געווען דער אומשלאָג־פּלאַץ, דווקא דאָרט, ווו עס האָבן געלעבט בלויז יידן, ווו יידן זיינען אממייסטנס געראָדפט און דערנידעריקט געוואָרן. דווקא דאָרט, ווו דער יידישער כבוד איז באזונדערס נידערטרעכטיק פארשוועכט גע־וואָרן — דווקא דאָרט האָט דער יידישער כבוד געקענט געראטעוועט ווערן.

דער פאַקט, וואָס דער רוקן־ביין און דער עיקרדיקער כוח אין אין אויפשטאנד איז געווען די חלוצישע באוועגונג, וואָס דער איבער־וויגנדיקסטער רוב פון די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ האָבן גע־הערט צום ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער, איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און אַנדערש האָט נישט געקענט זיין. די, וועלכע זיינען שטענדיק געווען אממייסטן עמפּפינדלעך אויף יידישע ליידן און יידישער פארשקלאַפונג אין גלות, די, וועלכע זיינען שטענדיק געווען אמפּילבארסטן, ווען דער יידישער כבוד איז געוואָרן באליידיקט, די, וועלכע האָבן אמקאָנסעקווענטסטן געקעמפט פאַר דער פרייהייט און אויסלייזונג פון יידישן פאָלק, די האָבן געמוזט זיין די אַקטיווסטע אין קאמף פאַרן יידישן כבוד אין וואַרשעווער און אין אנדערע געטאָס. דערפאַר זיינען חלוצים, ציוניסטן־סאָציאַליסטן נישט נאָר געווען דער רוב צווישן די וואַרשעווער געטאָ־אויפשטענדלער, זיי זיינען אויך געווען די טרייב־קראַפט און די אָרגאניזאַטאָרן פון אויפשטאנד. זיי האָבן געוועקט צום קאמף די יידישע באפעלקערונג און דערהויבן צום קאמף די גאנצע יידישע ארבעטער־באוועגונג.

אַן אויסערגעוויינלעכער כוח האָט זיך געפאָדערט, בכדי צו קענען אין יענע טעג קעמפן, בכדי צו קענען פירן אַ קאמף אָן וועלכע־עס־איז אויסזיכטן אויף אַ נצחון, אָן וועלכער עס איז האָפענונג אויף צו בלייבן לעבן. און שטארק האָבן זיי, די וואַרשעווער געטאָ־אויפשטענד־לער, געוואָלט לעבן. פיל האָבן זיי פון דעם לעבן דערוואַרט, געהאַט קלאָרע צילן און שטרעבונגען, חלומות און טרוימען. שווער איז דע־ריבער געווען צו גיין אין אַ קאמף, וועלכער האָט זיך געקענט ענדיקן נאָר מיט טויט. אָבער אָן וואַקלונגען זיינען זיי אין דעם קאמף גע־גאנגען, ווייל נאָר אַ דאנק אים וועלן די לעבנגעבליבענע יידן האָבן די מאָראַלישע רעכט ווייטער צו לעבן. דעריבער לאָמיר די, וועלכע קענען האַלטן דעם קאָפּ געהויבן אין זכות פון זייער קאמף -- אין טאָג פון 19־טן אַפּריל־אויפשטאנד — אין שטילשווייגן באערן די וואַר־שעווער מארטירער, לאָמיר, אין טאָג פון דערמאָנען זייער אָנדענק, זיך באהערשן מיט זייערע ליכטיקע און אין פייער און בלוט געלייטערטע געשטאַלטן.

אין 1943 יאָר האָבן פאָרשטייער פון „החלוץ" געשריבן צו דער הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל: „עס וועט אונז זיין לייכטער צו שטארבן מיטן באוווסטזיין, אַז עס וועט אנטשטיין אַ נייע וועלט און אַז ארץ־ישראל וועט זיין דאָס היימלאנד פון יידישן פאָלק".

לאָמיר לעבן פאַר דער אידעע, מיט וועלכער די געטאָ־אויפשטאנד־לער זיינען געגאנגען צום טויט: לאָמיר לעבן און קעמפן פאַר אַ נייער וועלט און פאַר דעם, אַז ארץ־ישראל זאָל זיין דאָס היימלאנד פון יידישן פאָלק.

זייט. די גרופע אונזערע פון „דרור" האט דאן געציילט 40 מענטשן און האט פארמאגט איינגאנצן 4 רעוואלווערן און 6 גראנאטן. מיר האבן געהרגעט דייטשן, צוגענומען ביי זיי דאס געווער, און דורך דעכער, בוידעמער, אריבערגעלאפן אויף אן אנדערע גאס. מיט אונז איז דאן אויך געווען יצחק קאצענעלסאן. אט אזוי האבן מיר געהרגעט דייטשן, אנגעווארפן אויף זיי א שרעק, און זיי האבן אפגעשטעלט די אויסזידלונג.

## די קעמפער זיינען דערהויבן געווארן

וועגן דער ענדערונג אין דער באציונג פון דעם יידישן ציבור צו די קעמפער, זאגט עדות פאלגנדיקער פאקט: נאך באוואפנטע צוזאמענשטויסן מיט דייטשן, זיינען מיר איינמאל אפטרעטנ־



### פרומקע פלאטניצקא

מיטגליד פון מרכז „דרור", דעלעגאט פון דער קאמפס־ארגאניזאציע אין בענדין, געפאלן אין קאמף אין בענדינער געטא.

דיק, אריין אין א בונקער פול מיט יידן. זיי האבן אונז אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. א רבי, וואס איז געווען אין בונקער צוזאמען מיט די יידן, האט זיך אויפגעשטעלט און אונז באגריסט מיט די ווערטער: „זייט געבענטשט, וויל איר האט געוואגט! אויב מיר קענען נישט טאן דאס וואס איר, וועלן מיר יעצט שטארבן מיטן געפיל, אז איר האט געראטעוועט אונזער כבוד"...

נאך יארן פון שווערן קאמף מיט דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט, האבן מיר סוף כל סוף זוכה געווען, אז מ'זאל אפשאצן אונזער געראנגל. די קעמפער זיינען דערהויבן געווארן, סיי ביי יידן, סיי ביי פאליאקן. ס'האבן זיך אנגעהויבן פארשפרייטן וועגן אונז לעגענדעס אין גאנץ פוילן.

פונם יאנואר־אויפשטאנד האבן מיר פיל געלערנט. מיר האבן אויסגעבעסערט די ארגאניזאציע, פארפולקאמט די פלענער, אויפגעשטעלט א פארבינדונג צווישן די קעמפנדיקע גרופן.

נאך דעם יאנואר־אויפשטאנד, האבן מיר באקומען פון די פוילישע פארטייען דער ערשטן גרויסן טראנספארט פון געווער. ער איז אויך געווען דער לעצטער. 60 רעוואלווערן און 60 גראנאטן.

אין יענער תקופה האט מען געקענט קויפן געווער פאר געלט. דאס ארט פון האנדל מיט שפייז, האט אנגעהויבן פארנעמען דער האנדל מיט געווער און אריבערגעפירט אין געטא, האבן אויסגעשטעלט בונקערס און זיך געגרייט צו פארטיידיקונג. אונזער צוגרייטונגס־ארבעט איז דאן אויך געווען פארבונדן, מיט רייניקן די יידישע געזעלשאפטלעכע אטמאספער. די דייטשן האבן געהאט א סך אגענטן צווישן די יידן. דורכן ליקווידירן עטלעכע פון די וויכטיקסטע אגענטן, האבן מיר אנגעווארפן א שרעק אויף די איבעריקע און זיי האבן פארלאזט דעם געטא.

מיר האבן זיך דאן געניטיקט אין מיליאנען זלאטעס. אין געטא איז געווען אן אפיציעלע דייטשע באנק. מיט דער הילף פון געווער, האבן מיר ארויסגענומען פון דארט דאס גאנצע געלט. מיר האבן אויך צוגענומען דאס געלט פון דער קהלה — הונדערטער טויזנטער זלאטעס. אין אנהויב האבן די געלט־אייגנטימער געפרווט זיך ווענדן צו די דייטשן נאך הילף, און אז דאס האט זיך נישט איינגעגעבן, האבן זיי מער נישט געוואגט זיך קעגנצושטעלן. מיר האבן דערנאך ארויפגעלייגט שטייערן אויף יידן, וואס זיינען רייך געווארן פון גנבות אין די מאגאזינען אדער פון שווארצן האנדל מיט די דייטשן. אפילו דאן, ווען אלע האבן שוין געוווסט, אז דאס איז די לעצטע תקופה פון לעבן האבן זיך נאך געפונען יידן, וועלכע זיינען געווען גרייט צו שטארבן — און נישט אוועקגעבן זייער געלט. דעריבער זיינען מיר געווען געצוווּנגען צו ארעסטירן מענטשן און דערנאך באפרייען זיי פאר אויסלייז־געלט. מיר זיינען אויך אפטמאל געווען געצוווּנגען צו נעמען ברויט מיט קראפט. אבער, צום סוף, האבן אונז אלע יידישע בעקערייען געגעבן דעם קוואנטום, וואס מיר האבן געפאדערט.

אין יענער צייט זיינען מיר געווען די פאקטישע הערשער אין געטא און נישט דער יודנראט, וועלכער פלעגט נאר אויספילן די באפעלן פון די דייטשן. די יידן האבן אונז גוט געקענט — „די חלוצים" — און האבן געוווסט, אז ווער ס'הרייט זיך ארום אין געטא, האלטנדיק די רעכטע האנט אין קעשענע, איז א חבר פון דער „קעמפנדיקער ארגאניזאציע".

## אלטע—אין באהעלטענישן, יונגע—צום־געווער

אויך צום אפריל־אויפשטאנד האבן מיר געהאט ווייניק געווער. רעוואלווערן האבן מיר געהאט גענוג — אבער נישט שטענדיק האט מען זיך געקענט מיט זיי באנוצן. מיר האבן געהאט גראנאטן פון אייגענער אויסארבעטונג, זעקס ביקסן, און א גרויסן קוואנטום אויפרייס־מאטעריאל.

נעבן די 5 ארייגאנג־טויערן פון געטא, האבן מיר אוועקגעלייגט עלעקטרישע מינעס. אויך אין די הויפט־גאסן, ווו די דייטשן זיינען געווען געצוווּנגען זיך צונויפשפארן אין געדיכטע מאסן — האבן מיר אוועקגעלייגט אזעלכע מינעס. מיר האבן באשלאסן, אויך אין דעם אויפשטאנד, זיך צו ריכטן לויטן סיסטעם פון קעמפן פון די הייזער. אין יעדער גאס האבן מיר געהאט צוויי גרופן פון ביידע זייטן, גרייטע צום אנגרייפן די דייטשן. אונזער שאנס איז געווען אויך אין דעם, וואס מיר זיינען אין דער הויך — אויף די הייזער.

**דעם 18־טן** אפריל, 2 א זייגער ביינאכט, איז געקומען א לויפער און אונז מיטגעטיילט, אז מארגן פרי וועלן אריין די דייטשן, כדי דורכצופירן די ענדגילטיקע ליקווידאציע. פון דער דאזיקער נייעס האבן מיר אלע אויפגעציטערט. מיר זיינען גלייך דורכגעגאנגען די גאסן פון געטא און ארויסגעגעבן א פארארדענונג: אלע אלטע



### מרדכי טענענבוים

מיטגליד פון מרכז „דרור", מיטגרינדער פון אנטיפאשיסטישן בלאק, דעלעגאט פון דער קאמפס־ארגאניזאציע אין ביאליסטאק, קאמענדאנט פון ביאליסטאקער געטא־אויפשטאנד.

און קינדער — אין די באהעלטענישן, די גאנצע יוגנט צום קאמף!

פיל האבן זיך אפגערופן אויף אונזער רוף. אויב אין יאנואר־אויפשטאנד האבן געקעמפט בלויז די חלוצישע גרופן, האבן זיך אין אפריל־אויפשטאנד באטייליקט אלע יידישע קערפערשאפטן. און וואלטן מיר געהאט גענוג געווער — וואלטן געשטאנען קעגן דעם פיינט נישט 500 יידישע קעמפער נאר 10 טויזנט.

דעם 19־טן אפריל האט דאס דייטשישע מיליטער אנגעהויבן שטורמען אין די טויזנטער צום געטא, באוואפנט מיט אויטאמאטן, מאשינגעווער און אפילו מיט שווערע ארטילעריע. קעגן זיי זיינען מיר געשטאנען, 500 יידישע קעמפער, מיט גראנאטן, רעוואלווערן, אויפרייס־מאטעריאל. דאסמאל האבן די דאזיקע טויזנטער נישט אנגעווארפן אויף אונז קיין שרעק. ווען די מינעס האבן אויפגעריסן, זיינען הונדערטער דייטשן געפאלן און

# בלעטלעך פון אונזער אונטערערדישער געטא = פרעסע

די פאָלגנדיקע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון דער אונטערערדישער „דרור"-באוועגונג נעמען מיר ארויס פון דער צייטונג „דרור", וועלכע איז דערשינען אין נאָוועמבער 1940 הארט פארן שליסן דעם געטאָ.

## באראַטונג פון דעם החלוץ

מיט א וואָך צוריק איז פאָרגעקומען א באַראַטונג פון די אַקטיוון פון די באוועגונגען, וואָס זיינען פאראייניקט אין דעם החלוץ. עס זיינען געהאלטן געוואָרן צוויי רעפעראטן. איינער איבער די יסודות פון אונזער ארבעט אין דער צייט פון קריג, דער צווייטער איבער דער אָרגאניזאציע פון דער באוועגונג. ארום די רעפעראטן איז געפירט געוואָרן א לעבהאַפטער ויכוח.

## כינוסים

מיטן כינוס פון דער הכשרה האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער יוגנט-באוועגונג א רייע כינוסים אין די גלילות (ראיאָנען — רעד.): ווארשע, קעלץ און לובלין (קרייז הרוביעשאָוו). אין דעם כינוס פון הרוביעשאָוו באַטייליקט זיך די חברה ל. (לאנקא קאזיעבראדזקא — רעד.).

## באזוכן

אין די נאָענטסטע טעג וועלן באזוכט ווערן די גלילות קעלץ, לובלין און בענדין. אין וואַרשעווער גליל, פּאָדלעשע און גאליציע זיינען שוין די באזוכן פאָרגעקומען. עס זיינען אויך באזוכט געוואָרן איינציקע ארבעטס-לאגערן אין פּאָלעשע און לובלין. אונזערע אויפגאבן זיינען צו זיי געבראכט געוואָרן. וועגן די באגעגענישן מיט אונזערע חברים אין די ארבעטס-לאגערן וועלן מיר איבערגעבן ביי אן אנדערע געלעגנהייט.

## באראַטונג פון ווארשעווער אַקטיוו

מיט א קורצער צייט צוריק איז פאָרגעקומען די באראַטונג פון דעם אַקטיוו פון וואַרשעווער אָרגאניזאציע, אויף דער באראַטונג זיינען באהאנדלט געוואָרן א ריי וויכטיקסטע פראגן פאר אונזער באוועגונג.

## אין די קיבוצים

ווי ס'איז באַקאַנט, געפינט זיך גראָכאָוו אויסער די גרענעצן פון געפלאנטן ג. (געטאָ — רעד.). ווי ס'ווייזט זיך אויס, וועט די פערמע אין גראָכאָוו, אויך דאַן בלייבן ביי אונז, ווען דאָס ג. וועט ענדגילטיק געשאַפן ווערן. אין קיבוץ ווערן שוין געמאכט אלע נויטיקע צוגרייטונגען צום ווינטער, אויך די פלוגה אין טשערניאַקאָוו, וועלכע געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע, וועט ווארשיינלעך בלייבן. אויך דאָרט ווערן שוין געמאכט די געהעריקע צוגרייטונגען ווי צ.ב. א ווינטער-דירה און וואַרעמע מלבושים. אין דער פלוגה אין סאָקאָלאָוו וועלן אויך ווינטערן ביזן קומענדיקן פרילינג א גרופּע חברים, וואָס וועט מיט זיך פאָרשטעלן דעם קערן פון א קיבוץ אויף דעם נאָענטסטן פרילינג. די [illegible]ע פונקטן וועלן ווארשיינלעך מיטן ענדיקן דעם ארבעטס-סעזאָן זיך ליקווידירן.

## נייע אויסגאבן:

ס'איז דערשינען א זאמלונג פון מאַטעריאַלן צו דער נאַציאָנאַלער פראגע „למדריך" נומ. 1, „ידיעות" נומ. 6 און 7. אינגיכן וועט דערשיינען „למדריך" נומ. 2, די פּויליש אויסגאבע „הדור" נומ. 4, ווי אויך די פּראָטאָקאָלן פון דעם כינוס פון דער באראַטונג פון „החלוץ". עס ווערט שוין צוגעגרייט דער ערשטער נומער פון דער העברעישער צייטונג „הדור".

## א רוף צו דער באוועגונג

מיר ברענגען דאָ דעם אויפרוף פון מרכז „דרור", וואָס איז דערשינען אין צוזאמענהאנג מיט דעם גירוש פון די יידן פון דער גאנצער ווארשעווער וואָיעוואָדשאַפט.

דער אויפרוף איז געדרוקט געוואָרן אין מערץ-נומער „דרור" פון 1941 י.

צו אלע חברים פון דער באוועגונג — שלום!

דער יידישער קיבוץ אין דער גובערניע מאכט אדורך די טראגישסטע שעהן אין דער מלחמה. אין משך פון געציילטע טעג זיינען צענדליקער ישובים ארויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. צענדליקער טויזנטער מענער און פרויען, יונג און אלט, קינדער פון דורות איינגעוואָרצלטע יידן אין דער פוילישער ערד זיינען געבליבן מיטן וואנדער-שטעקן אין האנט. קיין פרשת-דרכים איז נישטאָ. פארמאכט זיינען די וועגן פון דער וועלט. איין וועג פירט פון די חורבה-היימען צו די מיט מויערן ארומגעצוימטע יידן-שטעט. א וועג פון פּיין און צער. אָן א דאַך איבערן קאָפּ. אָן א בעט פארן




אונטערערדישע געטא-אויסגאבן פון „דרור"

מידן גוף, פארשלאָסן זיינען די טויערן פון רחמים און האָפענונגסלאָזער עלנט איז דער שיקזאַל פון טויזנטער.

דער זעלבער גורל איז אויך באשטימט פאר די נאָך ביז איצט נישט אויסגעוויזענע ישובים. מיט ציטער און אומזיכערקייט ווערט דערוואַרט דער גזר־דין. יעדע מינוט קאָן ער אויסגעפירט ווערן.

אזא אומזיכערקייטס־צושטאנד פאר־צערט דאָס לעצטע ביסל לייסטונגס־כוח. דער רוב יידן ווערט אָפּהענגיק, ראַטלאָז און פאלן א קרבן פון זייער אומגליק.

עס פאלט דערפאר אויף אייך, אין אזא מאָמענט א דאָפּלטע אחריות, חברים. ווו איר זאָלט זיך נישט געפונען: ביים אויסגעוויזן ווערן, אויפן וועג, אין דעם אָרט, ווו איר קומט אָן — אומעטום דערוואַרט אייך א מי־פולע ארבעט פון טראָגן הילף די אומגליקלע־כע. ווו עס געפינט זיך אונזערער א חבר, טאָר נישט פעלן דער מוט, טאָר נישט הערשן פארצווייפלונג. ווי־

זאָל נישט בלייבן קיין איין אויסגעוויזענער ח' אָן א דאך יאבערן קאָפּ. זאָל ער נישט ארומ־גיין הונגעריק און פארלאָזן, עס מוז שוין גע־זאָרגט ווערן פאר שאפן היימען און ארבעטס־פונקטן פאר די אויסגעוויזענע. און ביז דאן — זאָל יעדער חבר טיילן זיין היים און זיין ביסן מיט א צווייטן.

זייט מוטיק און הילפס־גרייט!

מרכז „ד ר ו ר"

# צו דיר, יוגנט־חבר

(אויסצוגן פון אן אויפרוף, ארויסגעגעבן דורך הבר!

דו ביסט שוין ווידער עדות פון די שרעק־לעכסטע פּייניקונגען פון די יידישע מאסן אונטער דער שווידערלעכער, היטלעריסטישער מאכט

דו קוקסט זיך צו, ווי דאָס געטאָ ווערט פון טאָג צו טאָג אלץ מער פארשטעלט און געהיטן און אלץ מער פארענגט און פארשלאָסן. דו ביסט עדות פון דעם שדים־טאַנץ אין געטאָ, בשעת וועלכן עס ווערן נאכט נאָך נאכט דער שאָסן אויף דער גאס אלץ אנד. דו אליין שטייסט אויך אוים געגנוג צרות און קלעפּ אויף די פלאַ־..צוווקעס, אויף וועלכע דו ביסט געצוווּנגען צו גיין ארבעטן. דו קוקסט זיך צו דעם אלעם צו, ליידסט און שווייגסט.

אָבער היינט קומען מיר צו דיר און מיר זאָגן: מיר ווייסן וואָס עס האָט דיך געקאָסט דיין שווייגן. דו מוזט וויסן און געדענקן, אז נישט לאנג וועסטו נאָך דארפן שטיין און שווייגנדיק זיך צוקוקן, ווייל, טראָץ דעם היט־לעריסטישן בלאָזן אין די טראָמייפּטן און טומלען וועגן זיג, איז שוין שוין פאר דער גאנצער וועלט קלאָר, אז דער סוף פון היטלעריזם איז געחתמעט און ווען ס'וועט אויסשלאָגן די שעה פון דער לעצטער

דער „באַראַכאָוו־יוגנט" — 1942)

שלטכא, וועט אויך דיר—יוגנט־חבר אויפגעלייגט ווערן א גרויסע שליחות. דו וועסט דארפן מיט אלע אונטערדריקטע אויפשטיין צום קאמף און ברענגען דעם נצחון.

ס'איז נישטאָ קיין שום באפרייונג אָן קאמף. און דעם דאָזיקן קאמף וועסט דו יוגנט־חבר. דארפן אויף דער יידישער גאס אממערסטן אויסצוטראָגן. דו וועסט דאן ארויסטרעטן גי־

דיין אויפגאבע וועט זיין נישט בלויז צו צעשמעטערן די היטלעריסטישע הערשאפט, נאָר אין דער פארבינדונג מיט דעם פרייהייט־אוואנגארד מיט דער רויטער ארמיי ברענגען די סאציאלע און נאציאָנאלע באפרייונג פון די אזוי לאנג געפייניקטע יידישע מאסן. דו וועסט דארפן, צוזאמען מיט דער באוווסטזיני־קער יידישער ארבעטערשאפט דערשיינען אויף דער ארענע פון קאמף פאר פרייהייט און אָוועס שטעלן אויפן סדר־היום פאר די אינטערנא־ציאָנאלע סאָציאליסטישע פאקטאָרן, די ליי־זונג פון דער דורות־לאנג אָנגעווייטיקטער יידן־פראגע דורך טעריטאָריאלע קאָנצענטראציע פון די יידישע מאסן אין פאלעסטינע

קאמף פאר א פריי ראטן־פאלעסטינע — וועט זיין דיין דראנג צו געווינען אלע סאָציאַ־ליסטישע רעוואָלוציאָנערע פרייהייטס־קעמפער פון דער וועלט.




געטא־פרעסע פון „באראכאוו־יוגנט"

# ווען דער טייוול איז גערעכט...

מיר האָט געחלומט זיך דער ערגסטער פון דער וועלט,
עס האָט זיך מיר געחלומט *)
„איך דאַרף דײַן לעבן נישט, דײַן בלוט נישט, נישט דײַן געלט,
ביסט נאָר אַ מיטל מיר, דער אויסגעפּרוווטער פון אַלע מײַנע מיטלען.
„כ'הויב אויף דיר — שטויב אַ וואָלקן, מיט מײַנע גראָבע טריט —
און אַלץ פאַרמאַכט די אויגן און דעם מויל צופרידן,
יאָ דו, דו ביסט דער שטויב מיט וועלכן איך פאַרשיט
די אויגן פון דער וועלט": — ער מיינט נאָר ייִדן! ייִדן!
ער מיינט די ייִדן נאָר... איז מילא — מאַ!... ס'איז אַ נעיעג
אויף ייִדן גאָר... איי די מיליאָנען זעלנער? די באַוואָפענונג?
איז עס... „איך האָב מיט אײַער אומגליק פאַרטויבט אין זיי די שרעק,
פאַריאָגט דעם מינדסטן צווייפל, און אײַנגעוויגט מיט האָפענונג..."
ער מיינט די ייִדן נאָר, ער מיינט נאָר זיי, נאָר זיי,
ער מיינט די אָרעמסטע פון אַלע, די באַליידיקסטע צו שענדן,
„אַזוי, אַזוי, כ'האָב טאַקע אויסגעקליבן דיך כדי
די אויגן איר, דער וועלט, דער נאַרישער פאַרבלענדן.
„איך מיין נישט דיך, ווען כ'הרגע דיך, ווען כ'ציל
די פײַל אין דיר, ווען כ'צי מײַן מעסער לאַנג דיך שעכטן,
איך מיין נישט דיך, נישט דיך, איך מיין די וועלט, איך וויל
די וועלט די גאַנצע, די נאַרישע — פאַרקנעכטן...
„נאַריש איז די וועלט און שלעכט איז זי... אָ, שלעכט ביז גאָר,
נאָר דאָס וואָס ס'ליגט איר אויפן לונג ברענגט זי אויפן צונג נישט,
זי זאָגט דאָס זעלבע דיר וואָס איך, זי אָבער זאָגט נישט קלאָר,
זי פּאָנפּעט... זי האָט עפּעס וואָס געזאָגט און מער פאַרשלונגען.
„נישט איך האָב פײַנט דיך, עס האָט די וועלט דיך פײַנט!
איך האָב זי מיט מײַן „הורא אויף די ייִדן" צוגעטראָפן
ווי אַ יעזואיט זײַן פאָלק — אַמאָל, ווי אַ מלוכה־מאַן זיי הײַנט,
דאָס וואָס געהיים באַהאַלטן האָט די וועלט — איז ביי מיר אָפן.
„איך זאָג אים פריי אַרויס, אָט דעם געהיימסטן זייערן, דעם ווונטש,
איך ווייס שוין איין מאָל, כ'ווייס מיט וואָס מען קאָן זיי נעמען!
פאַר זיי! פאַר זיי האָב איך געמישט דעם הייסן פּונטש,
פאַרביטערן דאָס לעבן שטענדיק אײַך, פאַרשעמען אײַך, פאַרשעמען...
איך האָב געמישט דעם פּונטש, געמישט אים הייס און שטאַרק
דערלאַנגט זיי דעם געטראַנק: זויפט זאָרגלאָזע, און שיכורט!
כ'האָב בלומרשט, ייִדן, אײַך — געבראָכן לענד און קאַרק —
אַ ניין, נישט איר, נישט איר נאָר זענט ביי מיר דער עיקר!
„דער עיקר איז די וועלט... איר — נאָר אַ פּרווו, מיט אײַך —
מיט אײַער אומגליק וויל איך גאַנץ די וועלט פאַריאָכן,
די וועלט וויל אײַער אומגליק, אָרעם ווילן עס און רײַך —
די וועלט! עס וויל די וועלט אײַך זען צעשלאָגן און צעבראָכן.
איך קען זי! אָ, איך קען זי גוט... זי איז שוין מיד
אַ ברודער אײַערן, אַ ייִד ווי איר — צו דינען;
צוליב אָט דער ליבע צום געקרייציקטן, דעם ייִד —
טראָגט מען אויף דעם לעבעדיקן ייִד אַ שנאה.
„איך דין דעם ייִד פון גליל נישט, נישט איך, נישט מײַנע לײַט,
צי דאַרף איך דען אַן איבעריקן מאָל עס אײַך דערציילן?
און האָב איך זיך פון ליבע צו אַ ייִד באַפרײַט —
האָב איך זיך באַפרײַט פון האַס צו אים במילא...
„נישט מער... איך האָב אַ מיין! זעט, ווי די וועלט באַדאַנקט
מײַן יעדע בייז וואָס כ'טו מיט אײַך אויף דער ערד — דאַ —
דאָס וואָס איך טו מיט אײַך איז דאָס וואָס זי פאַרלאַנגט,
נישט איר, נישט איך — די וועלט! די וועלט, זי איז דײַן מערדער.
„אַ שפּיל אַזאַ פאַר גאָר דער וועלט, וואָס נאַריש איז און בלינד —
אַ שפּיל אָן ריזיקאָ... כ'האָב אײַנגעשטעלט אין קאָן נאָר אײַך,
**אײַך טאַקע!**
אַ שוואַכע קאָרט, אָן אויסגערעכנטע מיט וועלכער מען געווינט...
איך האָב מיט אײַך פאַרטשאַקעט אים, מײַן וויז־אַ־ווי פאַרטשאַקעט...
די שפּיל איז מיר געלונגען... דאָס האָב איך אײַך, נאָר אײַך,
אײַך ייִדן נאָר אַרויסגעלאָזן אַלע אויף דער סצענע —
איך האָב אויף איר נעפּײַניקט אָרעם, געהאַט אין זינען: רײַך —
כ'האָב געטייט אויף די גאָר און געמיינט גאָר יענע...
„מיט אײַער קאָכיק בלוט האָב איך באַשמירט די ראָד,
געדרייט די קאַרוסעל, און אויסגעשטעלט די בינע —
יעצט קומט און גאַפט און שטוינט: געהאָלפן האָט מיר גאָט
מײַן גאָט, מײַן שטאַרקער גאָט: די וועלט איז אַ רואינע!"
מיר האָט געחלומט זיך... ניין נישט געחלומט, כ'האָב
וואַכערהייט געהערט אים, אים אָנגעקוקט, געזען אים —
כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ —
אָט איז ער, אשמדאי... און אָט דאָס וואַרשע דאָ, דער גיהנום.

**א. ל.**

*) דאָ רײַסט דער מחבר איבער די שורה. וואַרשײַנלעך האָט זי געדאַרפט פאַרענדיקט ווערן מיטן וואָרט „היטלער" — אַ גראַם צום לעצטן וואָרט פון דער פערטער שורה — „מיטלען". (באַם. פון רעד.)

געשריבן געוואָרן דורך
**יצחק קאצענעלסאָן**
און געדרוקט אין מערץ־נומער „דרור"
1941 אונטער די איניציאַלן אַ. ל.

# יום פעילים פון „דרור־באראכאוו־יוגנט"

## 28-29 II. 1948

# ערשטער אקטיוו־צוזאמענטרעף נאך דער פאראייניקונג

דעם 28־טן און 29־טן פעברואר איז אין לאדזש פארגעקומען א צוזאמענטרעף פון אקטיוו פון אונזער באוועגונג. דאס איז געווען דער ערשטער צוזאמענטרעף פון אקטיוו זינט דער פאראייניקונג. עס זיינען זיך צונויפגעקומען קרוב 100 חברים פון סניפים און קיבוצים פון גאנצן לאנד.

דער יום פעילים האט אפגעשפיגלט די גרויסע ענדערונגען, וועלכע זיינען פארגעקומען אין דער באוועגונג: צווישן די דעלעגאטן זעט מען כמעט נישט קיין „אלטע" חברים, די חברים, מיט וועלכע מיר פלעגן זיך טרעפן אויף די פריערדיקע כנוסים, מיט וועלכע מיר האבן געלעבט צוזאמען אין קיבוץ. די אלע זיינען שוין היינט נישטא — א גרויסער טייל איז שוין אין ארץ־ישראל, די איבעריקע אויף די וועגן פון העפלה. אויף זייער ארט זיינען געקומען נייע יונגע חברים. נישט איינער האט זיכער געהאט ספקות: צי וועלן זיך די נייע קענען ארייננפאסן, צי וועלן זיי שטיין אויף דער הויך פון די אויפגאבן. צי האבן די חברים, וועלכע זיינען ביז נישט לאנג געווען אין צוויי באזונדערע באוועגונגען, זיך צוזאמענגעלעבט, צי ארבעטן זיי הארמאניש?

דער יום פעילים האט געגעבן די בעסטע תשובה אויף די אלע ספקות. אלע חברים האבן זיך צוזאמענגעלעבט אין איין חבריישער מחנה. שווער איז שוין היינט צו דערקענען ווער פון די חברים האט געהערט צו „באראכאוו־יוגנט" און ווער צום „דרור".

דעם יום פעילים האט דערעפנט שבת אוונט ח' ראטענבערג, וועלכער האט גערעדט וועגן קאמף, וועלכער קומט איצט פאר אין א"י, וועגן דער ארבעט אין דער באוועגונג, וועגן אונזער ווייטערדיקן וועג. צווישן אנדערע האט ראטענבערג געזאגט: „אונזער באוועגונג האט אין דעם, וואס ס'איז היינט פאראן אין א"י, איר וואגיקן טייל. בלויז דארט, ווו עס האט אין א"י געטרעטן דער פוס פון חלוץ — דארט גייען מיר אויף א זיכערער בריק. דאס באלעבן ווייטערדיקע שטחים פון לאנד איז דער ענין פון גאנצן יידישן פאלק און זיין יוגנט. אונזער באוועגונג דארף זיין די, וואס וועט ליפערן דערצו נייע כוחות. אויף אונזער באוועגונג אין פוילן קוקט מען און מען דערוואַרט נייע פיאנערישע קרעפטן. די באוועגונג טאר זיך נישט באפרידיקן מיט דער איצטיקער צאל חברים. זי דארף דערגאבערן נייע מחנות יוגנטלעכע. ארץ־ישראל איז איצט אזא פאקטאר, אז קומענדיק צו דער יוגנט וועלן מיר נישט אנטרעפן אויף קיין קאלטער וואנט".

נאכן זינגען „תחזקנה" באגריסט א ווארט דער ח' ברוך, שליח פון אונזער באוועגונג אין א"י, וועלכער גיט אפ א גרוס פון ארץ־ישראל און גיט אן איבערבליק איבער די געשעענישן אין לאנד אין דער לעצטער צייט. ח' ברוך רעדט וועגן דער פאליטישער לאגע אין דער וועלט, וועגן די קאמפן, וועלכע קומען היינט פאר אין ארץ־ישראל, וועגן דער לאגע פון יידישן פאלק.

ער רעדט וועגן דער ראל פון די ענגלענדער און די שווארצע אראבישע כוחות אין די היינטיקע געשעענישן אין א"י, וועגן זייערע באמיונגען מיט אלע מיטלען ארייננצוציען אין קאמף דאס אראבישע דארף און אלע אַרבעטנדיקע אראבישע מאסן, וועלכע ווילן לעבן מיט יידן בשלום. פאר די אראבישע באנדעס זיינען אפן אלע גרענעצן פון לאנד, פאר אונזערע מעפילים זיינען זיי געשלאסן.

א לענגערן פאליטישן רעפעראט האלט דאן טוביה (דעם רעפעראט גיבן מיר באזונדער).



נאכן רעפעראט פון טוביהן איז פארגעקומען א רייכער מוזיקאלישער טייל, מיט וועלכן עס האט זיך געשלאסן דער ערשטער אוונט פון יום פעילים.

זונטיק פרי איז פארגעקומען דער צווייטער טייל פון יום פעילים, וועלכער הויבט זיך אן מיט באריכטן פון די ערטער. עס טרעטן ארויס חברים פון אלע קיבוצים און סניפים. חברים רעדן וועגן זייער טאג־טעגלעכער ארבעט, וועגן די שוועריקייטן, אויף וועלכע מען טרעפט זיך אן, וועגן דער צוזאמענארבעט מיט דער פארטיי. מען זעט, אז חברים לעבן איבער וואס זיי רעדן. עס פארדריסט זיי יעדער דורכפאל אין דער ארבעט און זיי פרייען זיך מיט יעדער דערגרייכונג. דא, אויפן יום פעילים זיינען זיי געקומען, בכדי אין אן ענגן קרייז פון נאענטע זיך טיילן מיט געדאנקען וועגן זייער ארבעט, און אלעמענס ארויסטרעטונגען פילט זיך א ווייטיק צוליב דעם פאקט פון מוזן דא זיין דאן, ווען אין א"י גייט אזא הייליקער און אנטשיידענער קאמף.

נאך די באריכטן פון די ערטער גיט אהרון אפ א באריכט וועגן דער ארבעט פון מרכז. ער דערציילט וועגן דעם ערשטן פעריאד אין דער ארבעט אין דער פאראייניקטער יוגנט־באוועגונג, וועגן די פאראייניקונגס־פייערונגען אויף די ערטער, וועגן די באמיונגען פון מרכז לייכטער צו מאכן די ארבעט אין די סניפים און קיבוצים. ער באריכטעט וועגן די ווינטער־מושבות, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט ביי 400 חברים, וועגן סעמינאר, וועלכער איז לעצטנס דורכגעפירט געווארן און וועלכער האט ארויסגעגעבן א נייעם אקטיוו. דער מרכז האט אויך ארויסגעגעבן פיל בראשורן, לידער־זאמלונגען א.א.וו.

וועגן דער ווייטערדיקער ארבעט האט גערעדט רויזמאן. ער האט פאנאדערגעוויקלט א ברייטן און דעטאליזירטן פלאן פון דער גרויסער ווערביר־אקציע, וואס דארף זיך אין קורצן אנהויבן און וועלכע דארף אריינברענגען אין אונזערע רייען פיל נייע חברים. ער רעדט וועגן דער מיטארבעט פון אונזערע חברים ביים דורכפירן די הגנה־אקציע, וועגן אויפשטעלן הכשרה־ און קינדער־קיבוצים, וועגן די צוגרייטונגען צו די פייערונגען פון 19־טן אפריל און 1־טן מאי, וועגן אונזער ארבעט אין די קרנות א.א.וו.

נאכן רעפעראט פון רויזמאנען האט זיך אנגעהויבן דער ויכוח. עס נעמען אנטייל א סך חברים, וועלכע זאגן ארויס זייערע מיינונגען וועגן דער ווייטערדיקער ארבעט. מען פילט דעם דראנג פון חברים צו עליה. זיי שאצן אפ די ערנסטקייט פון דער איצטיקער לאגע אין א"י און פילן זיך מאביליזירט. א טייל האט פארגעסן, אז כל זמן אין פוילן זיינען דא יידן, מוז אויך זיין אונזער באוועגונג

דעם ויכוח, וואס איז געשטאנען אויף א הויכן ניווא האט געשלאסן טוביה. אין זיינע שלום־ווערטער האט אהרון געזעגנט דעם ח' פון מרכז — נחמיה צו זיין עליה.

**בטרל**

י. רויזמאַן

# נאָכן יום פּעילים — צו דער ווערבּיר־אַקציע

דער יום-פּעילים, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 28=טן פעברואר האָט פּראָקלאַמירט אין די חדשים מערץ—אַפּריל אַ ווערביר־און פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע פאַר דער „דרור=באָראָכאָוו־יוגנט" אין פּוילן.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס אונזער אַקציע פאַלט זיך צונויף מיט די פאַרבערייטונגען צו ערן די אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ און דער אַקציע פאַרן קעמפנדיקן ישוב אין ארץ=ישראל.

ביידע, סיי דער געטאָ=אויפשטאַנד און סיי די הגנה רעגן אָן צו אַקטיווקייט, באַפרייונגס=ווילן און אחריות פאַרן קיום פון אונזער שווער געפּרוווט פאָלק.

באערן די אויפשטענדלער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק, און הילף פאַר דער הגנה, וואָס שטייט אין עקשנותדיקן געראַנגל פאַר ענדערן אונזער געשיכטלעכן גורל, קאָן מען איינציק און אַליין דורך פאַרבונדן זיך מיט דער באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די וווּנדערבאַרע געטאָ־געשטאַלטן, ווי: פרומקה פּלאָטניצקאַ, הערש בערלינסקי, מרדכי טענענבוים א. אנד. און די געפאַלענע הגנה־קעמפער ווי: יהושע גלאָבערמאַן, בצלאל שוואַרצטוך, יוסף טייטלבוים און אַנדערע טויזנטער קעמפער פאַר ארץ=ישראל.

ס

די „דרור-באָראָכאָוו־יוגנט" איז געווען און געבליבן די באַוועגונג, וואָס דערציט די יידישע יוגנט אַלס שטאָלצע יידן, איבערגעגעבענע ציוניסטן חלוצים, און באַפליגלט די יוגנט מיט דער אַלמענטשלעכער פרייהייטס־אידיי פון סאָציאַליזם.

ווייניק זיינען געבליבן יידן, וואָס וועלן וואַגן אָפּפרעגן דעם וועג, וועלכן מיר האָבן געצייכנט פאַר דער יידישער יוגנט זייט צענדליקער יאָרן — דעם וועג, וואָס האָט באַדייט פאַרלאָזן טאַטע=מאַמע און אַוועקלאָזן זיך אויפריכטן אונזער, זייט טויזנטער יאָרן, פאַרוואָר=לאָזט ארץ=ישראל און פאַרלייגן פונדאַמענטן פאַר דער צוקונפטיקער יידישער היים; דעם וועג פון בשותפותדיקן קאַמף מיט דער אינטער=נאַציאָנאַלער מאַרקסיסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און פולשטענדיקער פרייהייט פון מענטשן און פעלקער.

נישט איינער פון די אַנטי=ציוניסטן אינם אַרבעטער־לאַגער, וועלכן האָבן צוליב זייער אומגלויבן אין דער רעאַליזירבאַרקייט פון אונזערע צילן, פאַרוואָרפן מיט עפּיטעטן ווי „פאַנטאַזיאָרן", „שאָוויניסטן" א. אַ.וו. האָבן באַטראַכט די גאַנצע ארץ=ישראל=אידיי, פאַר אַנטי=סאָציאַליסטיש, היינט זעען זיי, פּונקט ווי מיר דאָס גרויסע ווערק, וואָס איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק אונזער עקשנותדיקן ווילן. די שטאַרקע פאַרוואָרצלטע און עקאָנאָמיש געזונטע יידישע אַרבעטערשאַפט, די גרויסע קבוצישע באַוועגונג, וואָס רעדן נישט נאָר וועגן סאָציאַליזם, נאָר זיינען פּערזענלעך איבערגעגאַנגען צו קאָמונע לעבן און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם סאַמע דינאַמישסטן טייל פון ישוב. דאָס איז דער בעסטער ענטפער אין דעם לאַנגיעריקן שטרייט צווישן ציוניזם און אַנטי־ציוניזם אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. אויך אויף דע ספּאָרוווּרף, אַז דער ארץ־ישראל געדאַנק און סאָציאַליזם זיינען קעגנזעצלעכע באַגריפן, האָט דאָס לעבן קלאָר געענטפערט: די איצטיקע באַציונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט און פון ראַטנפאַרבאַנד צו אונזערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס אין ארץ־ישראל זאָגט דאָס פּונקט פאַרקערטע.

דעם ויכוח מיט די אַנטיציוניסטישע טיילן אין דער יידישער אַרבעטער=באַוועגונג האָבן מיר שוין געענדיקט. אָבער עס מוזן נאָך געמאַכט ווערן די געהעריקע אויספירן פאַר איצט און פאַר דער צו=קונפט. דער ערשטער געזעץ איז: אַקטיווקייט, נישט פאַרשלאָפן די צייט און קודם כל איז דאָס חל אויף דער יוגנט. די יוגנט האָט גע=ענדערט דעם אויסזען פון ארץ־ישראל און אויף דער יוגנט וואַרט ווייטער דאָס לאַנד. ס'וואַרט אַן ערד, אויף וועלכע מיר דאַרפן באַנען אַ וועג פאַר זיך און פאַר קומענדיקע דורות. אויף אונז ליגט די אויפגאַבע צו פאַרענדיקן דאָס ווערק, וואָס פריערדיקע דורות הלוצים האָבן אָנגעהויבן בויען, נאָר אַלס אַקטיווע חברים פון דער „דרור-באָראָכאָוו־יוגנט" וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דעם אַקטיוון חלוצישן און רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישן געדאַנק און טאַט, קאָן מען זיך איינגלידערן אינם באַפרייונגס־קאַמף, וועלכן ס'פירט איצט דאָס יידישע פאָלק.

ס

דער באַשלוס פון יום=פּעילים, צילט אַקטיוויזירן די שוין אײַ־בערצייגטע אַריינדרינגען אין די ערטער, וווּ ס'מערקט זיך אַפּאַטיע אָדער נישט געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר אונזער זאַך. אויפקלערן וואָס פאַרא געפאַרן ס'דראָען דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט און דעם יידישן פאָלק מצד דער וועלט=רעאַקציע און די גרויסע אויפגאַבן וואָס מיר האָבן ביים ענדיקן מיט אונזער דורות־לאַנגן גלות. די גע־וואָרפענע לאָזונג דורך אונזער יוגנט=באַוועגונג: „יעדער יוגנטלעכער, יעדעם יידישע קינד אין די רייען פון דער „דרור־באָראָכאָוו-יוגנט" — זאָלן מיר פאַרוואַנדלען אין ווירקלעכקייט.

(סוף פון זייט 10)

אַ גאַלוואַניזאַציע=געוועלב, אין אַ קעלער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט ראָערן און מאָטאָציקלען, זיך אויסבאַהאַלטן דער בלאָנדער יורעק. ער האָט אינגאַנצן נישט אויסגעזען ווי אַ ייִדיש קינד מיט זיין פאַריסן נעזל. דאָ האָט ער געוווינט מיט זיין פאָטער, דעם ברו־דער פון דיאַנאַ בלומענפעלד (באַקאַנטע יידישע שוישפּילערין), דער איינענטימער פון געוועלב איז געווען אַ סאָציאַליסט און אַ יידן=פריינט.

די איינציקע בקשה פון דעם ייִנגעלע, וואָס האָט לחלוטין נישט אָנגעזען די ליכטיקע שיין, איז געווען, מען זאָל אים באַזאָרגן מיט... פּלאַסטעלין. זיינע קליינע פינגערלעך האָבן פון פּלאַסטעלין אויסגע=פורעמט ממש וווּנדערלעכע זאַכן. צוליב זיין „גוטן" אויסזען, האָט דער קליינער יורעק געקאָנט לעבן אויף דער פריי, נאָר ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך שיידן מיט זיין אויסבאַהאַלטענעם פאָטער... אַמאָל בין איך אַוועק מיט אים אין קינאָ. דאָס קינד איז געווען לאַנגע וואָכן אונטער דעם איינדרוק און אָן אויפהער געבענקט נאָכאַמאָל צו באַזוכן דאָס ינאָ. ער האָט אָפט געטראָגן ביי זיך אַ פלעשעלע מיט וואַסער און דער פּלוסק פון וואַסער האָט אים תמיד דערמאָנט דאָס רוישן פון אַ טייך...

גאָר משונהדיק האָט אויסגעזען דאָס ראָזיקע אונטערערדישע יידישע לעבן. די מענטשן האָבן זיך אַנדערש געקליידעט, אַנדערש איז געווען זייער לשון און גאַנג. ס'איז זיי אויך געווען שווער צו דער=קענען אין המון. בלויז זיי אַליין האָבן דערקענט איינער דעם צווייטן אָן ווערטער.

ס

אויף ווספּולנע נאָס אויפן פערטן שטאָק, האָט זיך אויסבאַ־האַלטן דאָס טעכטערל פון דיאַנאַ בלומענפעלד און יאָנאַס טורקאָוו. איך פלעג גיין אַהינצו מיט אַ האַרץ=קלאַפּ, אפשר וועל איך זיי מער נישט טרעפן דאָרט. אירע באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרנומען מיט צושטעלן געווער דער אומלעגאַלער באַוועגונג און די געפאַר אַריינ־צופאַלן איז געווען גאָר גרויס. די קליינינקע האָט געלעבט אין שטענדיקער שרעק פאַר די דייטשן. זי איז אין שול נישט געגאַנגען. זי פלעגט תמיד זאָגן, אַז זי האָט נאָר צוויי חברים: דאָס טעכטערל פון אירע באַלעבאַטים און אַ... קליין הינטעלע.

אָבער אַ סך אַנדערע איז אפילו נישט באַשערט געווען צו באַ־ווייזן זיך טיילמאָל אין גאַס צוליב זייער „נישט גוטן" אויסזען, אָט למשל, האָט אויף פּאָווישלע זיך אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע לעמבער־גער פרוי — אַ דאָקטאָר מיט איר קליינעם זון אָלעש, וועלכער האָט אפילו קיין הינטל נישט געהאַט זיך צו שפּילן. די מוטער האָט זיך מפרנס געווען פון אויסאַרבעטן און פאַרקויפן פּאַפּיראָסן און געווען אין שטענדיקער געפאַר. מיט דער דאָזיקער פאַמיליע האָט זיך פאַר־נומען די פרוי פון איצטיקן וו. פּרעמיער גאָמולקי=וויעסלאַוו. דער קליינער אָלעש האָט געהאַט אַ טפּיש ייִדיש פּנים און ער האָט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די מאַמע לאָזט אים נישט איבער דער שוועל אין גאַס אַריין.

אַזוי זיינען געגאַנגען טעג און חדשים ביי אַרבעט פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַריער. יעדער טאָג האָט געבראַכט אויף דעם דאָזיקן פּאָן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אָקופּירטן וואַרשע נייע טרויעריע בשורות: לאַפּאַנקעס, אַרעסטן, עקזעקוציעס. אָט גרויסע, העראָישע זאַכן. די יוגנט=פאַרבינדלער זיינען געווען אומדער=שראָקענע אין זייערע אַקציעס. אפילו אויך דעמלט, ווען זיי זיינען געפּייניקט געוואָרן אין געשטאַפּאָ אויף אַליע שואַכ — האָבן זיי נישט אויסגעגעבן די קאָנספּירירטע יידן.

אָפּגעבנדיק כבוד די אַלע, וואָס זיינען אומגעקומען אין העלדישן ווידערשטאַנדס=קאַמף און די, וואָס זיינען אַוועק מיטן יסורים־וועג אין די קרעמאַטאָריעס, בייגן מיר אויך די קעפּ פאַר די צענדליקער נאָמענלאָזע העלדן, אָס האָבן טאָג=איין טאָג־אויס געטראָגן טרייסט און דערמונטערונג צו די אויסבאַהאַלטע יידן, פאַר די אַלע, וואָס דער טויט אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ האָט איבערגעריסן זייער העראָיש, קרבנותפול לעבן און האָבן זיך נישט דערוואַרט דעם אַזוי שטאַרק באַגערטן טאָג פון פרייהייט.

ח. האלצוואן

# „איך טו נישט דאס, וואס איך וואלט געדארפט טאן..."

(אויפן ראנד פון יום פעילים)

ווער ס'טוט ווייניק, ווער ס'באגנוגנט זיך מיט אויספילן קליינע התחייבותן, קליינע אנשטרענגונגען, דער איז מיט זיין לאגע צופרידן, דער פילט נישט, אז ער דארף טאן מער. דער, וואס טוט א סך, דער, וואס האט זיך פיל אנגעשטרענגט און זיך אליין אינגאנצן געשטעלט אין דינסט פון אויספילן פליכטן, וואס די צייט לייגט אויף אים ארויף — דער טראגט זיך אייביק ארום מיט א געפיל פון אומצופרידנקייט, נישט באגנוגנדיקייט, מיט א געפיל, אז ער טוט נישט אלץ, וואס איז נויטיק, נישט אלץ וואס ער דארף טאן.

ס'זיינען פאראן מענטשן, וואס לעבן א גאנץ יאר בלויז מיט זייער פערזענלעכן „איך". זיי זיינען צופרידן פון זיך, זיי פילן זיך אין ארדענונג מיט זיך. איצט ווען מען האט פון זיי געפאדערט „מאראלישע און מאטעריעלע שטיצע" פאר די קעמפנדיקע ברידער אין א"י זיינען זיי געגאנגען אויף א מיטינג, געשפענדעט א געוויסן סכום געלט און האבן ווידער אן אויפריכטיקן געפיל פון דערפילן זייער חוב.

אונזערע חברים זיינען אויך געווען אויף מיטינגען, האבן זיך אויך באשטייערט פאר דער הגנה־אקציע, אבער זיי זיינען ווייט נישט באפרידיקט מיט דעם. זיי האבן זיך אפגעזאגט פון א סך פערזענלעכעם פאר דער באוועגונג, וואס איז דאך דער מכשיר אין אונזער פאלקס־קאמף. זיי האבן זיך איר אפגעגעבן אין גאנצן, אבער זיי זיינען אלץ נישט באפרידיקט. און טאקע דער פאקט פון שטעלן זיך פולשטענדיק אין רשות פון א באוועגונג, וואס וויל דאס פאלק דורכפירן דורך אלע שטורמען צו א זיכערן ברעג, איז די סיבה פון דער דאזיקער אומצופרידנקייט און נישט באגנוגנדיקייט, געהערנדיק אין דער באוועגונג האט מען גאר אנדערע מאסשטאבן, מיט וועלכע מיר מעסטן פליכטן און אויפגאבן און די גרויס פון פערזענלעכע אנשטרענגונגען, וואס זיינען נויטיק פאר זייער דערפילונג.

עס איז דעריבער נאטירלעך דאס, וואס מיר האבן געהערט אויף אונזער לעצטן יום פעילים פון איינער א בחורה, וועלכע האט פארלאזט די עלטערן און א ווארעמע היים (און האבן א היים מיט עלטערן איז דאך היינט א זעלטנהייט), אפגעזאגט זיך פון אוניווערזיטעט, בכדי צו ארבעטן אין דער באוועגונג:

„אין צוזאמענהאנג מיט דער איצטיקער לאגע אין ארץ־ישראל, מאכט מען אפט א חשבון הנפש. איך מאך אויך מיין חשבון הנפש און איך בין פון זיך און פון מיין ארבעט נישט צופרידן. איך טו נישט דאס, וואס איך וואלט געדארפט טאן".

עס האבן געטענהט אנדערע חברים: „מיר פארנעמען זיך דא מיט קלייניקייטן, מיט בויען סניפים, אינטערנאטן, מיט איינארדנען מושבות, מיט דערציען קינדער, דאן ווען דארט קומען פאר קאמפען, ווען דארט פאלן די יונגסטע און די בעסטע און ווען עס פאדערן זיך אזוי שטארק יונגע מענטשן".

די באוועגונג האט געענטפערט אכזריותדיק: א גרויסער טייל פון אקטיוו בלייבטא דא און זעצט פאר די זעלבע ארבעט וואס ביז איצט. שווער איז אזוי צו באשליסן און שווער איז אויסצופירן אזא באשלוס. ער איז א קלאפ פאר די אלע, וואס האבן זיך ביז איצט געפילט מינדערווערטיק. דאס מינדערווערטיקייט־געפיל איז געבליבן. אבער אזא קלאפ קען אמאל זיין א סטימול צו פארשטארקטער שאפונגס־און ארבעטס־קראפט און דאס פאדערט זיך איצט פון אלע.

עס האט זיך יעצט פיל געענדערט אין די אויפגאבן פון ציוניזם. פיל נייע פראבלעמען קומט איצט אויס צו לייזן: פראגן פון אויפשטעלן און אויסהאלטן א גרויסע ארמיי, פון בויען א מדינה מיט אלע אירע אטריבוטן: רעגירונג, אדמיניסטראציע, קאנסטיטוציע, פראגן פון נייע באציונגען צווישן א"י־ישוב און דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, פראגן פון דער ראל פון דער הסתדרות אינערהאלב דער יידישער מדינה — אבער איין פראבלעם, שטענדיק דאס עיקרדיקסטע, און פונדאמענטאלסטע אין ציוניזם איז אויך איצט און וועט נאך אויף לאנג פארבלייבן דאס עיקרדיקסטע און פונדאמענטאלסטע — די פראגע איז: חלוצים. ווען ס'וואלט שוין אפילו אויפגעשטעלט געווארן א יידישע מדינה, ווען ס'וואלט שוין געווען א פרייע יידישע עליה קיין א"י און ס'וואלטן אהין געשטראמט מאסן יידן וואלט אויך אן חלוצים די יידן־פראגע קיינמאל נישט געלייזט געווארן. א יידישע מדינה, א יידישע מאסן־עליה אן א גרויסן חלוצישן קערן אין א"י וועט זיין א קאטאסטראפע און נישט קיין גאולה.

עס איז אונז טייער יעדער ייד אין ארץ־ישראל, ווו ער זאל נישט ארבעטן: אין פאבריק, אין ווארשטאט צי אין אמט. אבער ווייל עס זיינען אונז טייער ארבעטנדיקע יידן אין א"י איז נאך גרעסער די באדייטונג פון חלוצים. יעדער ארבעטנדיקער ייד אין ארץ־ישראל טוט א געבענטשטע שעפערישע ארבעט, אבער ער קאן זיין שעפעריש, ער קאן בכלל זיין אין ארץ־ישראל נאר א דאנק חלוצים. ארץ־ישראל שטייט פאר א פראבלעם, וועלכעס ס'קומט קיין שום לאנד און מדינה נישט אויס צו לייזן. דאס איז קאלאניזאציע, דאס איז באלעבן א פארווארלאזטן שטח, דאס איז פארוואנדלען א מדבר אין א לאנד, ווו מענטשן זאלן קאנען לעבן. עס האט דאס אויפגעטאן די חלוצישע באוועגונג, וואס דארט ווו ס'האבן מיט דרייסיק יאר געקאנט לעבן 50 טויזנט יידן, זאלן היינט קאנען לעבן 700 טויזנט. עס קאן דאס נישט קיינער דערמעגלעכן נאר חלוצים, אזוי עס זאלן אין יארן ארום לעבן אין דעם לאנד מיליאנען יידן, ווו עס לעבן איצט נאר 700 טויזנט.

עס שטייט נישט פאר קיין שום לאנד און מדינה דאס פראבלעם פון שאפן פון אנהויב אן א ווירטשאפט. פאר דעם פראבלעם שטייט נאר ארץ־ישראל. דאס וואס עס איז היינט דארט פאראן איז בלויז אן אנהויב. דער אנהויב וואלט נישט געקענט געמאכט ווערן, ווען ס'וואלט נישט געווען פריער געשאפן א לאנדווירטשאפט. און עס וועט ווידער נישט קאנען אויסגעברייטערט ווערן נישט די אינדוסטריע און נישט דער טראנספארט א. א. וו., עס וועט זיך נישט קאנען אויסבויען א שטאטישער ארבעטער־קלאס אויב ס'וועט נישט פריער אויסגעברייטערט ווערן די לאנדווירטשאפט, אויב ס'וועט נישט אנטשטיין קיין פילצאליק און שטארק פויערטום.

עס האט אמאל לענין געזאגט, אז — „קאמוניזם — דאס איז עלעקטריפיקאציע פלוס ראטנמאכט". וועגן ציוניזם קאן מען זאגן, דאס איז א יידישע מערהייט אין ארץ־ישראל פלוס א פילצאליק און שטארק יידיש פויערטום". דער דאזיקער מהות פון ציוניזם וועט אן חלוצים נישט ווערן פארווירקלעכט.

ציוניזם איז נישט נאר אויפלעבן א"י און איבערפירן אהין מיליאנען יידן. ציוניזם איז אויך ווידערגעבורט פון יידישן פאלק, פון זיין קולטור, פון דער העברעישער שפראך.

עס וועט אין ארץ־ישראל נישט זיין קיין נייע יידישע קולטור, עס וועט ביי די יידן אין ארץ־ישראל נישט הערשן די העברעישע שפראך, אויב ס'וועט נישט צווישן די יידן, וואס קומען קיין ארץ־ישראל זיין א שטארקער קערן פון מענטשן, וואס זיינען נאך פון פריער דורכגעדרונגען מיטן א"י־דיקן גייסט, וואס זיינען נאך פון פריער אין פולן זין פון ווארט ארץ־ישראלדיקע בירגער, וואס לעבן נאך פון פריער מיט דער העברעישער שפראך און מיט איר אטמאספער, דאס אין וואס ארץ־ישראל נויטיקט זיך איצט אממערסטן און אין וואס עס וועט זיך נאך א לאנגע צייט נויטיקן — הגנה, אן ארמיי, וואס באשטייט פון נישט פון פראפעסיאנעלע סאלדאטן נאר פון מענטשן, וואס זיינען פארבונדן מיט ארבעט און פארשטייען דעם זין פון קאמף און זיינע צילן — אויך אן ארמיי מיט אזא באראקטער קאן געשפן ווערן נאר דורך חלוצים, ווייל אויך דער רוקנביין פון דער היינטיקער הגנה זיינען חברים פון די קבוצים, די וועלכע שטאמען פון די חלוצישע באוועגונגען.

דאס זיינען אלטע אמתן, אבער שטענדיק אקטועלע. זיי זיינען אקטועל אויך און דווקא היינט. דערפאר מוזן מיר זיך אין איצטיקן מאמענט דא באשעפטיקן נישט מיט עפעס אנדערש ווי נאר מיט ארבעט אין סניפים, קיבוצים, מושבות מיט גרייטן נייע קאדרען חלוצים.

מיר מוזן איצט טאן די ארבעט מיט נאך מער ענערגיע, מיט גרעסערן שווונג, מיט מער פארביסנקייט. ווי יעדע חלוצישע באוועגונג פארפליכטעט אויך אונזער באוועגונג יעדן חבר אין געוויסן עלטער צו הגשמה, ארויסגיין אויף הכשרה, עולה זיין, יעדנפאלס שטעלן זיך פולשטענדיק אין רשות פון דער באוועגונג. לאמיר אנהויבן די פארשטארקטע ארבעט מיט מקיים זיין די מצוה פון פארווירקלעכן. זאלן זיך אלע עלטערע חברים אין גאנצן אפגעבן דער באוועגונג. די באוועגונג מוז איצט אנהויבן בויען נייע הכשרה קיבוצים און עס מוזן צו דעם זיין חברים. די באוועגונג נויטיקט זיך אין א נייעם שיכט פון אקטיוו, מיט וועלכן זי זאל קאנען דיספאנירן אין דער פולער מאס. עס מוז אנטשטיין א נייער שיכט פון אקטיווע חברים, וועלכער זאל פארטרעטן דעם ביז איצטיקן אקטיוו. די חברים וואס טראגן ביז איצט אויס די אקטיווע ארבעט — מדריכים, חברים פון מועצות און מרכז מוזן עולה זיין. עס דעצידירט נישט ביי זייער עליה דער פאקט,

## י. ראטענבערג

# ענגלאַנד האָט געהאַט אַ ווייטן קוק...

די אנטוויקלונג פון די געשעענישן אין און ארום ארץ-ישראל, פארפעסטיקן די איבערצייגונג, אז צוויי באשלוסן זיינען אין פארבינדונג מיטן ארץ-ישראל פּראָבלעם געפאלן. איינער אין לייק-סאקסעס וועגן אויפשטעלן אַ יידישע מלוכה מיט אן אויסגעשטעלטן קאַלענדאַר פון שטפּונווייזער רעאַליזירונג, און אַ צווייטער אין לאָנדאָן, וואָס זיין אינהאלט איז טאָן אליץ, כדי דעם לייק-סוקסעסער באשלוס צו טאָרפּעדירן. אויך דער צווייטער באשלוס אין פארזען מיט אַ גענויעם פּלאַן פון רעאַליזירונג... דעם ערשטן באשלוס האָבן זיך די מחברים נישט געשעמט צו פארעפנטלעכן, ווייל ער איז געווען אַן אַקט פון מענטשלעכער דערהויבנקייט און גערעדט צום געוויסן פון מענטש. דאקעגן האָט פארפעלט מוט די פארפאסער פון צווייטן באשלוס ארויסצוברענגען אים פאר דער ליכטיקער שיין, ווייל די אינטענצן זיינען געוויסנלאָזע און די מעטאָדן פון רעאַליזירונג — נידעריקע, אוממענטשלעכע. די ענגלענדער האָבן זיך באהאלטן אונטער צביעות-דיקע דערקלערונגען פון בריטיש-דיפּלאָמאטישן נוסח: „דער אונ"אָ-באשלוס איז נישט דורכפירבאר, ווייל איין צד איז נישט מסכים", און ווי קאָנען ענגלישע דזשענטעלמענער גיין קעגן ווילן פון אַ פאָלק?... ציניש און פרעך האָבן זיי סאבאָטירט די באשלוסן, נישט צוגעלאָזט די אונ"אָ-קאָמיסיע דערפילן אירע פונקציעס. נישט אָקעגנגעשטעלט זיך דער וויסטער העצע און ווילדע אָנפאלן פון אראבישע באנדעס אויף יידן. פארקערט: נאָך מער זיי דערמוטיקט דורך אנטוואָפענען די הגנה, באשאפן ביי דער אראבישער רעאקציע די זיכערע איבערצייגונג, אז ענגלאַנד איז מיט זיי און דערלאָזט אַ גרויסע אינוואזיע פון כוליגאנעם פון די ארומיקע אראבישע לענדער, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון ענגלישע, דייטשע און אנדערסישע אינסטרוקטאָרן — די מומחים אין דער קונסט פון מאָרד און פארוויסטונג.

מיר האַלטן פאר איבעריק נאָך מער אויסרעכענען פאקטן צו באווייזן די שולד פון ענגלאַנד אינם איצטיקן בלוטיקן שפּיל אין ארץ-ישראל. די ענגלישע אינטריגעס זיינען געמאכט געוואָרן מיט אזעלכע גראָבע שטעך, אז די סאמע נאאיוויסטע מענטשן קאָנען זיך אויף זיי דערקענען.

דאקעגן איז שוין נאָך כדאי זיך אָפּשטעלן אויף דער „סענסאציע", וואָס ס'האָט אונז געליפערט דער 19-טער מערץ. מיר מיינען די דערקלערונג פון סענאטאָר אויסטין אלס אפיציעלער פאָרשטייער פון די פאראייניקטע שטאַטן. אַ דערקלערונג, וועלכע אנולירט די שטעלונג פון אמעריקע אויף דער „אונאָ"-סעסיע דעם 29-טן נאָוועמבער פאָריקן יאָר בנוגע ארץ-ישראל. אמעריקע זאָגט זיך „דערווייל" אָפּ פון טיילונגס-פּלאַן און אנשטאָט אים שלאָגט זי פאָר אַ אינטערנאציאָנאלע אויפזיכט. די מאָטיוון זיינען, אז דער „אונאָ"-באשלוס איז גורם צו אַ בלוט-פארגיסונג; מ'דארף פריע-שלום מאכן צווישן יידן און אראבער"... א.ד.ג.

אַלזאָ אמעריקע האָט זיך איבערצייגט, אז ענגלאַנד האָט געהאט אַ „ווייטן" קוק. דריי חדשים האָבן זיך די אמעריקאנער צוגעקוקט, ווי מען שענדעט דעם באשלוס פון דער העכסטער וועלט-אינסטאנץ, באשלוסן פאר וועלכע אמעריקע האט אליין געשטימט. זי האָט געשוויגן ווען מען האָט געשיקט קריגס-ארסענאל פאר די אראבער מיטן ציל צו מאָרדן יידן און באקעמפן די „אונאָ"-באשלוסן. דאקעגן האָט זי שוין גאָר שטארק אָפּגעהיטן ס'זאָל חלילה נישט ארויסגיין קיין געווער פון אמעריקע, וואָס זי באשטימט פאר שוץ-צוועקן און פאר דערמעגלעכן דאָס רויקע דורכפירן די באשלוסן.

יאָ, ענגלאַנד און אמעריקע האָבן זיך גלענצנד דערגענצט. אמעריקע האָט גרויסמוטיק הומאניטאר געשטימט אין לייק-סאקסעס, (רעכנענדיק דערביי צו געווינען סימפּאטיעס ביי מיליאָנען יידישע וויילער אין אמעריקע) און ענגלאַנד האָט איר אין משך פון דריי חדשים צוגעגרייט אַ „כשרן" תירוץ זיך ארויסצודרייען פון אירע התחייבותן. אין דער פּרעסע איז דאָס צוריקציען זיך פון אמעריקע באצייכנט געוואָרן אלס סענסאציע און פאראט. מיר האָבן אויסטינס דערקלערונג נישט אויפגענומען ווי קיין סענסאציע. א סענסאציע איז עס פאר די, וועלכע האָבן געגלויבט אין טרומאגישן אמעריקע, אז ארץ-ישראל איז אויסער די סטרעפּע פון אמעריקאנער וועלט-אינטריגעס.

די, וועלכע קוקן מיט אָפענע אויגן אויף דעם וואָס קומט איצט פאָר אין דער וועלט, האָבן אזא סענסאציע געקאָנט דערווארטן און זעען בלויז אין דעם אַ לאָגישן קאָנסעקווענק פון דער אלגעמיינער

---

וואָס עס איז זיי שווער איצט דאָ צו זיין, דאָס וואָס איז אזוי געקומען צום אויסדרוק אויפן יום פּעילים, אָבער עס דעצידירט אַ צווייטער מאָמענט.

אַ יוגנטלעכער אין אַ חלוצישער באוועגונג, אַ מענטש פון צענטראלן אָדער לאָקאלן אַקטיוו, קען זיך פארנעמען מיט ריינער „יוגנט-ארבעט" פארהעלטנישמעסיק אַ קורצע צייט, ווייל אנדערש זיינען מיר אין ווידערשפּרוך צו אונזערע אייגענע פּרינציפּן. דער ציל פון אונזער באוועגונג איז, אז יעדער חבר מוז איבערגיין צו אַן ארבעטער-לעבן אין א"י און נישט בלייבן אַ שטענדיקער געזעלשאפטלעכער טוער. מיר זיינען אָפּטמאָל געצוווּנגען ארויסצונעמען חברים פון די קבוצים און שטעלן זיי צו דערציערישער, געזעלשאפטלעכער צי קולטור-ארבעט. אָבער מיר קאָנען דאָס נישט טאָן אויף קיין לאַנגער צייט. די, וואָס ווערן אין געגעבענעם מאָמענט אויס אזאַ ארבעט מוזן נאָך אַ קורצן צייט-אָפּשניט פארטראָטן ווערן דורך אנדערע.

די באוועגונג פירט שטענדיק די ארבעט מיט דער דאָזיקער טענדענץ. צוליב דעם: אונזערע סעמינאַרן, מושבות מדריכים, דאָס אויסבילדן אין יעדן סני; חברי מדריכים.

דער פּראָצעס פון אויסבילדן אַ נייעם אַקטיוו איז נישט אויסגערעכנט אויף יאָרן. וואָס פריער מוזן נייע חברים איבערנעמען די ארבעט און פאָרזעצן דאָס גרייטן נייע חלוצים. עס איז היינט פיל שווערער דאָס צו טאָן, ווי דאָס איז געווען אַמאָל, אָבער עס מוז געטאָן ווערן.

מיר דארפן זיך נישט אָנטוישן בנוגע די פּערספּעקטיוון פון אויסבילדן חלוצים-קאדערן **פון צווישן דער** יידישער יוגנט אין פּוילן. עס אזי ריכטיק, די היינטיקע באדינגונגען זיינען נישט **גינסטיק פארן** אנטשטיין ביי דער יידישער יוגנט אַ ווילן צו לעבן פון פיזישער ארבעט, פון בכלל זיין אין אַ באוועגונג, וועלכע שטעלט פאָר אירע חברים אזאַ ציל. עס מוז אָבער אויפמערקזאם געמאכט ווערן אויף אַ צווייטן פאקט, וועלכער ווארפט זיך נישט אזוי שטארק אין די אויגן אָבער וועלכער עקזיסטירט און וועלכער וועט נישט פארשווונדן. די יידישע יוגנטלעכע, וועלכע לעבן נישט מיטן יידישן לעבן און זיינע באדערפענישן, די, וועלכע האָבן צוליב פּערזענלעכע באקוועמלעכקייטן זיך פון אים דערווייטערט, די, וועלכע — באוווסטזיניק אָדער אומבאוווסטזיניק — אסימילירן זיך — די אַלע יידישע יוגנטלעכע האָבן נישט קיין גרונט צו זיין צופרידן מיט זיך. נישט שטענדיק גיבן זיי זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון דעם און נישט שטענדיק באמערקן מיר דאָס, אָבער פיל יוגנטלעכע, וועלכע געפינען זיך שוין היינט אין אונזערע רייען, וואָלטן געקאָנט וועגן דעם דערציילן. עס מאטערט היינט די דערווייטערטע פון יידישן לעבן, אַ געפיל פון הענגען אין דער לופטן, פון נישט האָב קיין אָרט אין לעבן, פון נישט האָבן קיין ציל און אידעאַל. נאָר די חלוצישע באוועגונג איז ביכולת זיי ארויסצופירן פון זער אומבאשטימטער לאגע, נאָר זי איז ביכולת דערמעגלעכן זיי צוריק צו געפינען זיך אליין און נאָר זי קאָן פאר זיי אָנווייזן פּערספּעקטיוון פון פולן אויסלעבן זיך אלס יידן און מענטשן, נאָר זי קאָן געבן אַ תיקון אזי לעבן.

די יוגנט מוז און וועט קומען אין דער חלוצישער באוועגונג.

אונזער באוועגונג אלס אזאַ, דארף טאָן אונזער פליכט און אויסשטרעקן צו די יוגנטלעכע אַ חברישע האַנט.

מיר דארפן דאָס טאָן צוליבן גורל פון **יעדן יוגנטלעכן** און פון **יידישן פאָלק.**

ליניע פון „ווייסן־הויז". ס'איז נישט מעגלעך פון איין זייט צו פירן א גיפטיקע קריגס־העצע, אויפשטעלן א קריגעריש דייטשלאנד, זאמלען אלע טונקעלע כוחות אין דער וועלט, און פון דער צווייטער זייט איינרייסן מיט דער אראבישער רעאקציע, פאר וועמען אמעריקע און ענגלאנד האבן שוין באשטימט א חשובע ראל אין דער נאענסטער קריגס־אוואנטורע. אויך אמעריקע האט אין חשבון דעם ארץ־ישראלדיקן שטח אלס קריגס־באזע קעגן ראטנפארבאנד.

כאראקטעריסטיש זיינען די אפרופן אויף דעם נייעם אמעריקאנער פארשלאג מצד אנדערע גרויסמאכטן. אזוי למשל האט זיך ארויסגעזאגט דער פארשטייער פון כינע — טינז־פו־טשאנג, אז דער פארשלאג פון אמעריקע דעקט זיך פולשטענדיק מיט דער שטעלונג פון זיין רעגירונג. דעסגלייכן האט אלעקסאנדער פאראדיע, דער פארשטייער פון פראנקרייך דערקלערט, אז דער נייער אמעריקאנער פארשלאג קאן לייזן א סך שוועריקייטן, וועלכן פליסן ארויס פון טיילונגס־פלאן. די איינהייטלעכע ארויסזאגונגען פון די דאזיקע מלוכות ווארפן א ווייטערדיקן שיין, אז ארץ־ישראל איז איינגעשלאסן אין די פלענער פון רעאקציאנערן וועלט־בלאק. אין דער פרעסע ווערט בסדר דערמאנט, אז די אמעריקאנער נאפט־מאגנאטן, וועלכע האבן אינטערעסן אין די אמעריקאנער לענדער, האבן ארויסגעאיבט א נייע ווענדונג פון די פאראייניקטע שטאטן בנוגע ארץ־ישראל. ס'וואלט געווען פאלש צו זאגן, אז זייער איינפלוס איז נישט באדייטנדיק אין דער אויסערן־פאליטיק פון אמעריקע. זיי זיינען דאך אבער נישט קלענער געווען מיט דריי חדשים צוריק. מיר זיינען מער גענייגט צו גלויבן, אז שטימענדיק דעם 29־טן נאוועמבער פארן טיילונגס־פלאן איז עס געווען נישט מער ווי א הומאניטארער זשעסט־מאנעווער אויסגערעכנט אויף געפינען סימפאטיעס ביים אמעריקאנער פאלק און באזונדערס ביי דער יידישער באפעלקערונג, האבנדיק הערביי די טיפע איבערצייגונג, אז זיי האבן זיך אויף וועמען צו פארלאזן אין דער שווארצער מלאכה פון אוממעגלעך מאכן דאס אדורכפירן פון דעם באשלוס. ס'וואלט דאך נאיוו געווען צו מיינען, אז טרומאן און מארשאל האבן זיך פארגעשטעלט, אז אן דער אקטיווער אריינמישונג פון די גרויסמאכטן וועט זיך דער באשלוס לאזן אדורכפירן. יא, די נייע שטעלונג פון אמעריקע באווייזט פולשטענדיק דעם ווערט פון אינטערנאציאנאלע פארפליכטונגען, וועלכע ס'נעמען אויף זיך אימפעריאליסטישע רעגירונגען. די איינציקע, וועלכע האבן באלד נאכן פאלן פון די „אונא"־באשלוסן געפאדערט אננעמען מיטלען זיי צו פארווירקלעכן — איז דער ראטנפארבאנד. אויך איצט האבן מיר געהערט א קלארן און ווירדיקן ענטפער פון גראמיקאן, אז ער שטייט פעסט ביים אנגענומענעם באשלוס. אזוי און נישט אנדערש דערקלערט א פארשטייער פון א רעגירונג, וועלכע האט נישט אין ארץ־ישראל קיין אימפעריאליסטישע אינטערעסן און האט אויפן אויג די פרייהייטס־באדערפענישן פון א פאלק.

אמעריקע האט מיט איר פאראט ריין געמאכט דעם טיש, צערינען זיינען געווארן די אילוזיעס פון די, וועלכע האבן געמיינט. אז ס'איז פאראן א שלעכטער און א גוטער אימפעריאליזם, אז ס'קאן זיין אן אימפעריאליסטישע מאכט, וואס זאל אונז העלפן אין אונזער באפרייונגס־שטרעבונג. די רשימה פון אונזערע בלוטיקע פיינט, איז דורך אמעריקע איצט פארפולקאמט געווארן. מיר האבן אויך איצט א קלארע רשימה פון מלוכות, וועלכע זיינען אונזערע אוממיטלבארע פארבינדעטע. זאל זיך כאטש איצט באזינען דער אפארטוניסטישער ארבעטער לאגער, וועלכער האט זיך צוגעאיילט מיט צוזאמענשטעלן א רעגירונג, וואס פאוואריזירט דאס יידישע בירגערטום און דעם קלער. ער האט נישט דערמעגלעכט אנטיילצונעמען אין דער ערשטער יידישער רעגירונג דער פאראייניקטער יידישער ארבעטער פארטיי אין ארץ־ישראל, מיינענדיק, אז דערמיט וועט ער געפינען חן אין די אויגן פון ענגלאנד און אמעריקע.

די טעג, וועלכע מיר לעבן איצט איבער און די טעג, וועלכע דערווארטן אונז, זיינען די סאמע אנגעשטרענגסטע און פאראנטווארטלעכסטע אין אונזער לאנגן באפרייונגס־וועג. אונטער די דערקלערונגען, וועלכע ס'האט געמאכט די יידישע אגענץ, דער וועד הלאומי און די „הגנה", אז זיי טרעטן נישט אפ פון אנגענומענעם „אונא"־באשלוס און פראקלאמירן די יידישע מלוכה דעם 16־טן מאי — א טאג נאכן אויסגיין פון ענגלישן מאנדאט — שרייבט זיך אונטער דאס גאנצע יידישע פאלק. אינם קאמוניקאט, ארויסגעגעבן דורך דער אנפירונג פון אונזער העלדישער הגנה־ארמיי לייענען מיר: דער פרווו פון אמעריקע צו מאכן א שטריך אויף דעם באשלוס פון „אונא" איז א שטארקער קלאפ פאר „אונא", ווי פאר דער יידישער מלוכה. די יידישע מלוכה וועט אנטשטיין מיטן כוח פון אונזער פארטיידיקונג! יידן זיינען דעצידירט נישט אפצוווייכן פון אנגעצייכנטן וועג, נישט געקוקט, וואס געוויסע גרויס־מאכטן האבן געענדערט זייער מיינונג אונטערן דרוק פון מופטי און אנדערע אראבישע פירער, וועלכע האבן מיטגעארבעט מיט היטלערן. ארץ־ישראל — זאגט דער קאמוניקאט — וועט זיין אומאפהענגיק. יידן וועלן געפינען א וועג פון פארשטענדיקונג מיט די אראבער. דער קאמוניקאט ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „מיר בויען א יידיש ארץ־ישראל מיט אונזער שוויס! מיר וועלן עס פארטיידיקן מיט אונזער בלוט"! די דערפארונג, וועלכע מיר האבן פון ארץ־ישראלדיקן קאמף, גיט אונז די זיכערקייט, אז די הגנה ווארפט נישט קיין סתם ווערטער. דער כוח פון הגנה שטעקט אינם באוווסטזיין, אז זי פארטיידיקט א גערעכטע זאך און אז זי שיצט דעם קיום פון איר גאנץ פאלק.

שרייבנדיק וועגן דער דערהויבענער ראל פון ישוב אלס אוואנגארד פון פאלק, זאלן מיר נישט דורכלאזן די, וועלכע האבן זיך געשטעלט מחוץ למחנה און ברעכן די ישוב־דיסציפלין, מיר מיינע די אצ"ל און שטערן־גרופע. קליין זיינען זיי אין צאל, אבער גרויס אינם שאדן. וועלכן זיי ברענגען אונזער באפרייונגס־קאמף. די אומפאראנטווארטלעכע ארויסטרעטונגען קעגן סתם אראבער און מעשים. וועלכע אנטשפרעכן נישט דער אלגעמיינער פאליטיק, וואס ווערט פעסטגעשטעלט דורך די בארופענע פון גאנצן פאלק — אינסטאנצן, זיינען עלול צו גרויסע אומגליקן פארן ישוב און במילא פארן גאנצן פאלק.

מיט באדויערן האבן מיר נאכגעפאלגט די ידיעות פון ארץ־ישראל וועגן אונטערהאנדלונגען, וואס זיינען געווארן געפירט פון געוויסע אפיציעלע יידישע קרייזן מיט זיי. מיט באפרידיקונג האבן מיר אויפגענומען, אז אונטערן דרוק פון די געזונטע טיילן אין ישוב זיינען די אונטערהאנדלונגען איבערגעריסן געווארן. די איינציקע שפראך מיט די דאזיקע אוואנטוריסטישע גרופן קאן זיין אויך דער פלאך פון פולשטענדיקער ליקווידאציע.

אויפן פאן פון דער ניי־געשאפענער לאגע אין און ארום ארץ־ישראל, מוזן מיר קלאר פעסטשטעלן אונזער פארפליכטנדיקע ראל דער אינהאלט פון ענטפער פון די יידישע אינסטאנצן אויף דער ענדערונג פון דער אמעריקאנער פאליטיק, איז נישט קיין ענטפער בלויז פון די יידן אין ארץ־ישראל. ס'איז דער דער ענטפער פון אונז אלעמען — פון גאנצן צעשפרייטן פאלק אין דער וועלט. די ווערטער „מיר האבן געבויט מיט שוויס, מיר וועלן פארטיידיקן מיט בלוט" פארפליכטן אונז אלעמען צו טאט. דער שווער־פונקט פון אויסטראגן דעם פארשטארקטן גראנגל, פאלט נאטירלעך אויף אונז, די דירעקט פאראינטערעסירטע. די געשיכטע פון אונזער באפרייונגס־קאמף האט אונז געלערנט, אז זעלבשטענדיקייט, דאס געשאפענע דורך חלוצישן שוויס און דאס שטעלן פאר געשעענע פאקטן, זיינען די ווירקזאמסטע מיטלען אין דעם קאמף קעגן אונזערע שונאים. גלייכצייטיק מוזן מיר וועקן דאס געוויסן פון מענטש און זיך ענגער פארבונדן מיט אונזערע אמתע פריינט אין דער גאנצער וועלט.

אן פעסימיזם קוקן מיר אין דער צוקונפט, הגם מיר זעען גענוג רעאל די שוועריקייטן וואס דערווארטן אונז. דאס באוווסטזיין, אז מיר זיינען גערעכט און קיין אנדערער וועג איז נישטא און דער עיקר, אז אונזער גרויסער גראנגל איז פארפלאכטן אינם אלגעמיינעם באפרייונגס־קאמף, וועלכן עס פירט די פראגרעסיווע מענטשהייט, גיט אונז כוח, אויסדויער און זיכערקייט אין זיג, ווייל צו דעם פראגרעסיוון טייל פון דער מענטשהייט געהער די צוקונפט.

# ארץ־ישראל אין בוי און קאמף

## אונזערע באוואסערונגס־פלענער

ארץ־ישראלדיקע און אנדערע ספעציאליסטן — האָבן שוין נישט איינמאָל אויסגעארבעט פיל פּלענער פון באוואסערן דעם נגב. די רעאליזאציע פון די דאָזיקע פּלענער איז אָבער אָפּהענגיק פון אנט־שפּרעכנדיקע פּאָליטישע באדינגונגען און פאָדערן ריזיקע קאפּיטאלן, וועלכע דאָס יידישע פאָלק איז איצט נישט בכוח צו שאפן. דעריבער ווערן איצט געמאכט אנשטרענגונגען בכדי צו פארווירקלעכן נאָר א טיילווייזן פּלאן, א מער באשיידענעם אין זיין אומפאנג, וועמעס אויפגאבע איז צו לייזן דאָס וואסער־און באוואסערונג־פּראָבלעם אין די צוויי צענדליק יידישע ישובים, וועלכע האָבן זיך במשך פון די לעצטע צוויי יאָר פארפעסטיקט אין נגב.

לויטן דאָזיקן פּלאן וועט איבערגעפירט ווערן וואסער דורך רערן פון די געביטן, וועלכע פארמאָגן א שפע פון קוואל־וואסער צו די וויסטע קאָלאָניזאציע־געביטן אין נגב. צו דעם צוועק וועלן געגראָבן ווערן ברונעמס אין ניר־עם, גבר־עם און דורות און פון די דאָזיקע ברונעמס וועלן דורך דיקע 6־צאָליקע רערן שטראָמען וואסער דורך א שטח פון צענדליקער קילאָמעטער ביז רביבים, דעם וויטסטן, דרום־פונקט פון דער יידישער קאָלאָניזאציע.

אין אלגעמיינע שטריכן וועלן מיר דאָ באשרייבן די וואסער־ליניע. עס קאָן זיין, אז אין דעם אָדער אנדערן פּרט וועלן פאָרקומען ענדערונגען, אָבער דאָס אלגעמיינע בילד וועט בלייבן אומפארענדערט.

די צענטראלע שעפּ־סטאציע איז אויפגעבויט געוואָרן אין ניר־עם און זי וועט באדינען דריי באוואסערונגס־געביטן: א) דעם געביט פון דער מזרח־ליניע; ב) דעם געביט פון בארות יצחק; ג) דעם געביט פון גבולות. יעדער פון די דאָזיקע געביטן באזיצט א ספּעציעלע אפּאראטור, ארויסצובאקומען דאָס וואסער אויף דער אויבערפלאך, וואָס ווערט באוועגט דורך עלעקטראָ־ענערגיע.

דער געביט פון דער מזרח־ליניע הויבט זיך אָן אין ניר־עם און גייט דורך די פעלדער פון עקיבא, דורות, רוחמה, שובל, משמר הנגב, הצירים. די לענג פון דער וואסער־ליניע איז 80 קילאָמעטער, אָבער די לענג פון די רערן דערגרייכט ביז 120 קילאָמעטער, ווייל אין א גרויסן טייל פון דער דאָזיקער ליניע ווערן געלייגט דאָפּלטע רערן.

אין דורות איז אויפגעשטעלט געוואָרן א הילפס־סטאציע פאר א צוגאָב־שעפּונג.

די ליניע בארות־יצחק וואָס הויבט זיך אָן אין ניר־עם גייט דורך סעד און בארות־יצחק און פארצווייגט זיך צו תקומה און נחביר (בארי). די לענג פון דער דאָזיקער ליניע האלט 30 קילאָמעטער.

די ליניע גבולות הויבט זיך אָן אין ניר־עם און דערגייט דורך צאלים, סבטחים, אורים און גבולות ביז ניר־ים. אין גבולות וועט אויפגעשטעלט ווערן א צוגאָב שעפּ־סטאציע.

די גאנצע לענג פון דער וואסער־ליניע מיט אלע אירע אָפּצווייגונגען וואָס ווערט איצט געבויט וועט דערגיין ביז 174 קילאָמעטער און לענג פון די רערן וואָס וועלן נאָך געלייגט וועט וועט דערגיין ביז 260 קמ.

כדי צו דערמעגלעכן א פּראָדוקטיווע אויסנוצונג פונם וואסער וועלן געבויט ווערן באסיינען אין ניר־עם, גבר־עם און דורות. יעדער באסיין וועט אין זיך אריינגעמען 1.000 קוביק מעטער וואסער. אין אנדערע ישובים וועלן אויך געבויט ווערן בלעכערנע באסיינען. (ביז איצט זיינען אויסגעבויט צוויי באסיינען אין משמר הנגב און בארות). די ליניע וועט אין אלגעמיין געבן אן ערך 200 קב"מ וואסער א שעה. די דאָזיקע צאָל וועט פונאנדערגעטיילט ווערן אין פארשידענע חלוקים — לויט די טעכנישע מעגלעכקייטן און באדערפענישן — צווישן די 41 יידישע ישובים אין נגב. אין דער דאָזיקער פונאנדער־טיילונג זיינען נישט איינגעשלאָסן די ישובים פון ארום באר־שבע, ווייל פאר זיי ווערט אויסגעארבעט א באזונדערער פּלאן פון וואסער־באזאָרגונג פון אָרטיקע קוואלן. דער דאָזיקער כמות וואסער וועט גענוגענען פאר די ווירטשאפטס־באדערפענישן און באוואסערונג פון נישט גרויסע שטחים, אויף וועלכע עס וועלן קולטיווירט ווערן גרינס און פּלאנצונגען. דער שטח, וואָס וועט באוואסערט ווערן אין די אלע ישובים וועט באטרעפן אן ערך 2.000 — 3.000 דונאם.

דער קאפּיטאל, וואָס ווערט אריינגעלייגט צום אויספירן דעם דאָזיקן פּלאן באטרעפט 350־400 טויזנט פונט. די דאָזיקע סומע איז צוגעטיילט געוואָרן אין גלייכע טיילן דורכן קרן־היסוד און קרן קימת. די רעאליזאציע ליגט אין די הענט פון דער געזעלשאפט „מקורות". ביי דער ארבעט פון דער ליניע זיינען באשעפטיקט די חברים פון די ישובים אין נגב. דורך דעם איז טיילווייז געלייזט געוואָרן די פראגע פון באשעפטיקונג פאר די חברים פון די נגב־ישובים, ביז עס וועט זיך אָנהויבן די בויונג פון סטאבילע ישובים.

דער וואסער־פּלאן, וואָס ווערט איצט רעאליזירט איז נישט מער ווי א פראגמענט פון א מער אומפאסנדן פּלאן, וועמענס אויפגאבע איז אריבערצופירן וואסער פון די וואסער־געביטן אויף אזעלכע ערטער, וווּ קיין וואסער איז נישט פאראן, מיט דער פארברייטערונג פון דער קאָלאָניזאציע אין נגב וועט אויך קומען די ריי פון די ברייטערע פּלענער. לויט דער אָפּשאצונג פון יוסף ווייץ, וועט אויפן דאָזיקן אופן קאָנען געגעבן ווערן דעם נגב 15 מיליאָן קב"מ וואסער א יאָר. דער דאָזיקער סכום וועט גענוג זיין אויפצושטעלן 1.500 אינטענסיווע ווירטשאפטן צו 20 דונאם יעדע.

די באוואסערונגס־פּלענער אין אנדערע געביטן זעען אויס אזוי:

1. איבערפירן וואסער פון ירדן קיין חולתה, מחניים און אילת השחר;

2. איבערפירן וואסער פון דזש'חולה (צופוסנס פון בארג נפתלי) קיין קדש נפתלי;

3. איבערפירן וואסער פון ירדן אין טאָל בית־שאן;

4. פארזעצן די „טאָלן־ליניע" ביז שריד (דאָס איז דער מערב־טייל פון דער ליניע, וואָס ווערט גערופן „קו הנפרק") און פון מזרח פון מרחביה ביז חמדיה.

5. איבערפירן וואסער פון יקנעם קיין עין העמק און צו אלע ישובים פון די הרי אפרים.

6. אין מערב־געביט וועלן איבערגעפירט ווערן וואסערן קיין חניתה און אילון פון די ברונעמס פון מצובה.

7. קיין כפר החורש וועלן איבערגעפירט ווערן וואסערן פון די ברונעמס, וואָס וועלן אויסגעגראָבן ווערן אין נהלל.

8. איבערפירן וואסער קיין נין און חולדה, פאָרזעצן די ליניע קיין עקרון און מעגלעך ביז כפר אוריה.

די דאָזיקע צייטווייליקע פּלענער, וואָס זיינען באשטימט פארן ערשטן עטאפּ פון דער באוואסערונג אין פרידנס־צייט וועלן אָן ספק געטראָפן ווערן צוליב דער איצטיקער מלחמה. זיי גיבן אָבער אין אלגעמיינע שטריכן א בילד פון דער בויונג פון דער באוואסערונגס־ווירטשאפט אין דער קעגנווארט. און ממילא ווארפן זיי א ליכט אויף פיל אונזערע פּאָליטישע פּלענער.

**ע. פּ.**

# צו די עלטערן און קרובים

אייערע קינדער האָבן געקעמפט אויף דער ארץ-ישראלדיקער ערד, מיט יידיש געווער אין די הענט.

זיי האָבן געפירט דעם אנטשידענעם פרייהייטס - קאמף פארן יידישן פאָלק.

זיי זיינען געפאלן אין דער גורל־שעה פארן יידישן פאָלק, ווען עס ווערט דעצידירט צו מיר זאָלן זיין א פאָלק מיט אן אייגענער מדינה אָדער מיר זאָלן זיין אין א מין געטאָ אין ציון.

אין זייערע הערצער האָבן זיי געטראָגן דעם ברענענדיקן פלאקער, וואָס איז דורך לאנגע דורות איבערגעגאנגען פון דור צו דור; די יסורים און פיינען פון די מיליאָנען יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אויף די שייטער־הויפנס, דעם צער, דעם ווייטיק און פיין, די חרפה פון די טויזנטער אין די קאָנצענטראציע־לאגערן און פון די אלע, וואָס שמאכטן אין אראבישן גלות, די אנוסים פון שאנד און שפאָט.

זיי האָבן געטראָגן אין זייערע הערצער דעם הייליקן גלויבן אין דער אויסלייזונג פון אונזער פאָלק אין זיין לאנד.

אייערע קינדער זיינען נישט געבראכט געוואָרן צו דער שחיטה דורך זייערע אונטערדריקער — פרייוויליקע זיינען זיי געווען, פריי-וויליקע זעלנער פון יידישן פאָלק.

זיי זיינען געווען די חלוצים פון פאָלק און זיינען געפאלן ווי חלוצים פון פאָלק — פרייע מענטשן זיינען זיי געווען און פארן לעבן האָבן זיי זייער לעבן פאר א קרבן געבראכט.

מיר, זייערע וואָפן־ברידער, האָבן צוזאמען מיט זיי געקעמפט, מיר וועלן נישט רוען, מיר וועלן נישט אָפּגעבן קיין איין שפאן ערד, אויף וועלכער עס איז פארגאָסן געוואָרן זייער בלוט, ביז דעם טאָג פון אונזער פולשטענדיקער אויסלייזונג.

זייערע נשמות וועלן זיין פארוועבט אין יעדן שטיקל ערד, אויף וועלכן עס וועט שפּראָצן א לעבן פון ארבעט און פרייהייט אין ארץ-ישראל.

דאס גאנצע פאָלק וועט זיך גרויסן און בענטשן מיט זיי.

(פון ביולעטין פון פלמ"ח).





אויף דער וואך

## שיר הפלמ"ח

מסביב יהום הסער,
אך ראשינו לא ישח.
לפקודה תמיד אנחנו —
אנו אנו הפלמח.

ממתולה עד הנגב,
מן הים עד המדבר —
כל בחור וטוב לנשק,
כל בחור על המשמר.

נתיב לנשר בשמים,
שביל לפרא בין הרים;
מול אויב דרכנו יעל
בין נקרות ובין צורים.

ראשונים תמיד אנחנו
לאור היום ובמחשך.
לפקודה תמיד אנחנו —
אנו אנו הפלמח.

## אַ שפּאַציר איבערן לאַנד

# 3. תל־חי

אין תל חי איז אומגעקומען טרומפּעלדאָר מיט זיינע חברים.

אַ דאַנק זייער העלדישן פאַרטיידיקונגס קאַמף איז תל־חי אויף אייביק פאַרבליבן יידיש.

אַממערסטן איז יעדער שפּאַציר קיין תל־חי פאַרבונדן מיט אַן אַלגעמיינעם שפּאַציר אין גליל.

דער גליל טיילט זיך אויף צוויי טיילן: דער אויבערשטער טייל (גליל העליון) און דער אונטערשטער טייל (גליל התחתון).

גליל העליון ציט זיך ביז דעם לבנון. די גרענעץ צווישן דעם טייל פון גליל און דעם לבנון איז דער טייך ליטני, ער גייט אַרויס פון די בערג לבנון און פאַלט אַריין אין ים התיכון (מיטללענדישער ים). דער גליל העליון, איז איינע פון די פרוכטבאַרסטע טיילן אין ארץ־ישראל, געבענטש מיט אַ גרויסע צאָל רעגנס. דאָרטן געפינען זיך אויך די קוואַלן פון ירדן. נאָך אין די אוראַלטע ציטן, איז דער גליל העליון געווען דער טייל פון לאַנד, וועלכער איז געווען אַממערסטן באַוווינט. דאָ זיינען געווען די תבואה־פעלדער, סעדער און וויינגערטנער, אייל־בירטן האָבן געגעבן בוימל. דאָ האָט זיך געשאַפן דער קלאַסישער טיפּ פון יידישן פויער, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן דער ערד שוויים, כוח און ליבע. די ערד האָט אים באַצאָלט מיט כל־טוב. אין ציים פון יידישן אויפשטאַנד קעגן די רוימער, איז פון גליל אַרויסגעקומען דער יידישער קלאַסישער קעמפער, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן דער ערד, דעם לאַנד, זיין לעבן.

היינט געפינט זיך דער גליל אין די ראַמען פון בריטישן מאַנדאַט. די יידישע קאָלאָניזאַציע קאָנצענטרירט זיך אין מערב־טייל פון גליל. אָנגעהויבן האָט זי זיך מיט דער ערשטער עליה קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1882. דאַן איז אַנטשטאַנען די ערשטע קאָלאָניע אין דער געגנט — ראש־פינה. דאָ אין גליל איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון דער קבוצישער קאָלאָניזאַציע. דגניה, כנרת, דאָ, אין סעדזשערא איז געווען דאָס וויגעלע פון דעם „השומר" (רעכטער אָרגאַניזאַציע), וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יסוד פאַר דער יידישער הגנה. היינט געפינען זיך אין גליל פופצן פונקטן פון זיי: עלף קבוצים און פיר מושבות.

די שענסטע שפּאַצירן און דעם אמתן טעם פון זיי, פילסטו ווען די מאַכסט זיי נישט אין קיין פאַרמאַכטן אויטאָ אויף אַ שאָסיי, נאָר ווען דו שפּאַצירסט צופוס. גייסט אַריין אין האַרץ פון די בערג, געפינסט זיך אויף די שפּיצן פון די בערג, נעמסט אַרום מיט דעם אויג יעדן ניואַנס און יעדע פאַרב אין דער נאַטור, פילסט דאַן דעם לעבעדיקן איינדרוק פון יעדן טריט וואָס דו טרעטסט און זעסט דאָס בילד פון דער נאַטור אַלס גאַנצעס.

איינעם פון אַזעלכע שפּאַצירן האָבן מיר געמאַכט אַ גרופּע פון פּלמח אין יאָר 1944. אונזער טאָג־טעגלעכער לעבן איז געווען אין יהודה. דער טייל פון לאַנד, אין וועלכן מיר האָבן געפירט אונזער אַרבעט, נעפאָרשט אים, געלערנט אים, איז געווען דער נגב און מדבר יהודה. דערפאַר האָט אונז ספּעציעל געצויגן דער גליל. זיין ראָמאַנטישע נאַטור, דער עצמון־באַרג, דער שנייאיקער חרמון, וועלכער גיט צו דעם גליל אַזוי פיל פּראַכט, און די שיינע קוואַלן און וואַסער־פאַלן פון ירדן. אַזוי זיינען מיר געפאָרן מיט אַן אויטאָ פון גבעת ברנר גלייך קיין טבריה. פון דאָרטן האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער שפּאַציר צופוס.

טבריה איז איינע פון די אוראַלטסטע שטעט אין גליל התחתון, אויך היינט איז זי די הויפּט־שטאָט פון דער געגנט. נאָך דעם צווייטן חורבן פון בית המקדש און ירושלים, איז טבריה געווען דער גייסטיקער צענטער און דער קוואַל פון דער יידישער קולטור. היינט געפינען זיך אין טבריה צען טויזנט איינוווינער. זי ליגט צוויי הונדערט מעטער נידעריקער פון ים־פלאַך, אין מערב־טייל פון ים כנרת. היינט איז טבריה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוראָרט.

פון טבריה האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דעם ים כנרת צום קבוץ גנוסר. דער ים כנרת האָט זיין ספּעציעלע אָריגינעלע שיינקייט. זיין קאָליר אין העל־בלוי. ער ענדערט זיך אונטער דער השפּעה פון די זון־שטראַלן, וועלכע שפּיגלען זיך אין אים אָפּ. אַנדערש איז דער כנרת מיט דעם זון־אויפגאַנג, אַ צווייטן קאָליר קריגט ער בייטאָג און אין פיל פאַרביקע קאָלירן קאָ מען אים זען אין זון־פאַרגאַנג, אָבער אומבאַשרייבלעך שיין איז ער אין די לבנה־נעכט. אַזוי באַהערשט דיך אַ ספּעציעלע אינערלעכע רויקייט, ווען דו שווימסט אויף אַ שיפל איבערן ים כנרת אין די שעהן, ווען די זון פאַרגייט. דאָס שיפל האָט אונז געפירט צום קבוץ גנוסר. מיר זיינען געזעסן אין וועלדל פון גנוסר און זיך צוגעקוקט צו דעם מאָלערישן בילד פון כנרת אין דער שיינער לבנה־נאַכט. אויף צומאָרגנס מיט דעם זון־אויפגאַנג, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דעם כנרת און פאָרגעזעצט אונזער וועג.

דער וועג איז געווען דורך ואדי־אל־עמוד. דאָס איז אַ פּרעכטיקער טאָל אַרומגערינגלט מיט הויכע שיפּע בערג, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער כאַראַקטעריסטישווילדער נאַטור. שפּיציקע פעלזן, טיפע טאָלן. אַרום זיי געפינען זיך ביז היינטיקן טאָג הייל, אין וועלכע עס האָבן געלעבט אוראַלטע מענטשן. דאָרט געפינט זיך אַ וויסנשאַפטלעכע סטאַציע פאַר אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. אַזוי זיינען מיר פון דאָרט אָנגעקומען קיין צפת.

צפת איז די ווייטסטע שטאָט אין צפון טייל פון גליל. אַכט הונדערט אַכטואונפערציק מעטער איבער דעם ים פלאַך. אַרומגערינגלט מיט בערג און אַ דאַנק איר פּרעכטיקער נאַטור, באַזוכן איר אַ סך קינסטלער־מאָלער. צוליב איר גוטער לופט, געפינען זיך אויך דאָרט סאַנאַטאָריעס. דער וועג אונזערער איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אויף צפון־זייט. מיר זיינען אַרויף אויפן באַרג כנען. פון מערב־זייט באַגלייט אונז דער העכסטער באַרג פון גליל, עצמון, פון מזרח זייט פאַרשטעלן אונז די בערג, דעם עמק החולה. די גאַנצע געגנט איז פון בערג און טאָלן. אַ דאַנק דער דורכזיכטיקייט פון דער לופט, האָבן מיר געקאָנט אונטערשיידן יעדע קאָליר באַזונדער אין דער רייכער פאַרבן־מאָזאיק פון דער נאַטור.



טבריה נעבן ים כנרת.

פרילינג־צייט זיינען די בערג זייער רייך מיט גרינס און באַדעקט מיט בלומען. ביינאַכט זיינען מיר אָנגעקומען קיין כפר־גלעדי. אינדער פרי זיינען מיר אַראָפּ קיין תל־חי. פון דעם הויף פירט אַ וועג דורך אַ שיינע אַלעע צו די הייזער פון תל־חי, וועלכע זיינען געבויט געוואָרן אין יאָר 1922. אין יאָר 1926 איז פאָרגעקומען די פאַרייניקונג פון תל־חי און כפר־גלעדי. היינט ווערן באַוווינט די הייזער פון תל־חי דורך דער יוגנט, וועלכע קומט דורכמאַכן דאָ איר הכשרה.

פון תל־חי זיינען מיר אַרויף אויף אַ בערגל פופציק מעטער הויך. דאָ געפינט זיך דער בשותפותדיקער בית הקברות פון תל־חי און כפר־גלעדי. דאָ געפינט זיך דער ברודער־קבר פון די געפאַלענע אין תל־חי, קברים פון געפאַלענע שומרים אויף דער וואַך און אויך חברים, וועלכע זיינען געשטאָרבן מיט זייער נאַטירלעכן טויט. אויף דעם קבר פון די געפאַלענע אין תל־חי, געפינט זיך אַ דענקמאָל, אַ לייב, וועמענס בליק איז געווענדעט צו מזרח. דער לייב איז דער סימבאָל פון יהודה (יידיש פאָלק), זיין געשריי, דאָס איז דער רוף פון יהודה צו פרייהייט. דער מזרח איז ארץ־ישראל. די הויך פון דעם דענקמאָל איז 6 מעטער. אויף דער מצבה זיינען אויסגעקריצט די ווערטער: „טוב למות בעד ארצנו". פון דעם בערגל, אויף וועלכן ס׳געפינט זיך דער ברודער־קבר 350 מעטער הויך איבער דעם ים־פלאַך, זעט מען זייער שיין די אַרומיקע געגנט. ספּעציעל מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער עמק החולה, די קבוצישע פונקטן, וועלכע זינקען אין אַ ים פון גרינס, פילסט דעם רעש פון די קוואַלן און וואַסער־פאַלן, וועלכע שניידן דורך דעם עמק־החולה, זעסט אין דער הויך פון די לבנון־בערג די קאָנטורן פון די נייע יידישע ישובים: מנרה, משגב־עם. ספּעציעל באַצויבערט דער גאַנצער געגנט דער מעכטיקער חרמון און די ווייטע פלעקן פון שניי וואָס באַדעקן אים שטענדיק. אַזוי רוט דער קבר פון טרומפּעלדאָר און זיינע חברים אין צענטער פון דעם שיינעם גליל, און יידישער שאַפונג, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פאַר דער יידישער צוקונפט.

ב. ש.

# סאָציאַליסטישע דערציונג
## אין אונזער איצטיקער פאָלקס-מלחמה

מיר זיינען א ציוניסטישע, א נאַציאָנאַל-יידישע יוגנט-באַוועגונג, מיר שטעלן פאַר זיך אויפגאַבן: אויסקעמפן און אויסבויען א היימלאַנד פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, נאָרמאַליזירן דאָס יידישע סאָציאַל-עקאָנאָמישע לעבן, שאַפן א נייע נאַציאָנאַל-יידישע קולטור.

אונזער באַוועגונג דערציט דעריבער אירע חברים אין גייסט פון די דאָזיקע אידעאַלן. דער ציל אין אונזער דערציונג איז אויסצובילדן א נייעם טיפּ ייד, וואָס איז שטאַרק געבונדן מיטן יידישן פאָלק און ליבט אַלץ, וואָס איז יידיש.

מיר זיינען גלייכצייטיק אַן אויסגעשפּראָכענע פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישע יוגנט-באַוועגונג און דער פאַקט מוז היינט נאָך מער ווי שטענדיק ספּעציעל אַקצענטירט ווערן, ווייל אין דער צייט ווען די עקזיסטענץ פון א פאָלק איז באַדראָט, ווען עס איז געצוווּנגען צו פירן א קאַמף פאַר זיין קיום, דערוואַכן ביי אים מיט א גרעסערן כוח ווי שטענדיק זיינע נאַציאָנאַלע געפילן. דער קלאַסן-מאָמענט איז אין אַזאַ צייט עלול פאַרטושט צו ווערן. אונזער פאָלק לעבט היינט איבער א תקופה, אין וועלכער מיר זיינען געצוווּנגען צו פירן א מלחמה אין פּשוטן זין פון וואָרט פאַר דעם דערהאַלטן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין געשאַפן אויפן געביט פון אונזער אויסלייזונג אין א״י און פאַר דער מעגלעכקייט פאָרצוזעצן דעם ווייטערדיקן בוי, וואָס איז באַשטימענדיק פאַר אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק. מיר זיינען געצוווּנגען צו פירן א שווערן קאַמף קעגן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע וואָס פאַרפלייצט אונז אין גלות. עס איז דעריבער נאַטירלעך אונזער שטרעבן וואָס מער אַריינצוברענגען דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין אונזער דערציונגס-אַרבעט, וואָס מער צובינדן דעם יוגנטלעכן, דאָס קינד צו זיין פאָלק, צו זיין לאַנד, צו זיין קולטור. אָבער דווקא אין אַזאַ תקופה טאָר אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשוואַכט ווערן אונזער סאָציאַליסטישע דערציונג. מיר דאַרפן היינט זיין וואָס שטאַרקער, וואָס מער ציוניסטיש און חלוציש, אָבער אונזער ציוניזם וועט נישט זיין קיין ריכטיקער אויב ער וועט נישט זיין צוזאַמענגעוואַקסן מיט די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן-צילן פון פּראָלעטאַריאַט. ווייל עס איז נישטאָ אין אונזער אידעאָלאָגיע און דערציונג קיין פונאַנדערטיילונג אויף ציוניזם און סאָציאַליזם. זיי בילדן איין גאַנצקייט און פאַרפולקאָמען זיך קעגנזייטיק. דער ציוניזם גיט א באָדן אונזער יידישן סאָציאַליזם, סאָציאַליזם גיט א גרעסערן כוח אונזערע ציוניסטישע שטרעבונגען.

דאָס יידישע פאָלק וועט קאָנען פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם נאָר דורכן ווערן א נאָרמאַל פאָלק, א פאָלק וואָס זיצט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, א פאָלק מיט א געזונטער נאָרמאַלער סאָציאַלער סטרוקטור און דעריבער מוזן מיר פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם. אין די אינטערעסן פון ציוניזם, איז די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם אין דער וועלט און די זיכערונג פון דער אַרבעטער העגעמאָניע אינם אויפבוי-פּראָצעס פון ארץ-ישראל, ווייל נאָר דער סאָציאַלער באַפרייונגס-ציל פון פּראָלעטאַריאַט איז א זיכערע גאַראַנטיע פאַר דער אמתער נאַציאָנאַלער פרייהייט פון אַלע פעלקער און אויך פון יידישן פאָלק.

יעדע אידעע, אין דער פאַזע פון איר אַנטשטיין, אין איר ערשטן פּעריאָד, פאָדערט בלויז א מחנה אָנהענגער, וועלכע זאָלן איר קאָנען פאַרזיכערן אַן אָנהאַלט אין לעבן, וועלכע זאָלן קאָנען באַקעמפן אַנדערע פאַרעלטערטע און היסטאָריש נישט באַרעכטיקטע אידעען. אין די שפּעטערדיקע פאַזן אָבער, איז בלויז זיין אַן אָנהענגער פון א געוויסן אידעאַל נישט גענוגנד. דאַן איז שוין נויטיק דאָס קאָנען לעבן אין הסכם מיט דער אידעע, דאָס קאָנען איר פ א ר ו ו י ר ק ל ע כ ן.

דער סאָציאַליזם איז איצט אַריין אין סטאַדיום פון זיין רעאַליזאַציע אין א גרויסן טייל פון אייראָפּע. דאָ פאָדערן זיך מענטשן, וואָס זיינען גרייט צו גיין אויף די אמתע וועגן, וואָס פירן צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם און וואָס זיינען פעיק צו שאַפן נייע סאָציאַליסטישע באַציונגען אין דער געזעלשאַפט. די אויפגאַבע פון דערציען א סאָציאַליסטישן מענטש, שטייט קודם כל פאַר אַלע באמת סאָציאַליסטישע יוגנט-באַוועגונגען און צווישן זיי אויך פאַר אונזערע, זייער אויפגאַבע איז דערציען א מענטש, וועלכער איז פריי פון עגאָאיזם, א מענטש, וועלכער אידענטיפיצירט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון כלל.

די פראַגע איז ביי אונז געלייזט א דאַנק דעם, וואָס אונזער באַוועגונג זעט אַלע אירע חברים אַלס מענטשן, וועלכע וועלן אין דער צוקונפט לעבן אין קבוץ, ווו דאָס לעבן איז פולשטענדיק קאָמוניסטיש, ווי דאָס לעבן האָט שוין באַוויזן, איז דער קיבוץ בכוח אויסצובילדן א נייעם טיפּ מענטש, א מענטש מיט א סאָציאַליסטישן כאַראַקטער.

דערציענדיק צום קבוץ, דערציען מיר במילא סאָציאַליסטיש: א יוגנטלעכער, וואָס קומט צו אונז אין סניף, קומט נישט בלויז אויסהערן א רעפעראַט, אָדער פאַרווײַלן זיך. ער קומט אַהין לעבן. מיר באַמיען זיך, אַז שוין זייענדיק אין סניף, נאָך פאַרן אַרויסגיין אויף הכשרה אין קבוץ, זאָל אונזער חבר זיך אויסלערנען לעבן אין א קאָלעקטיוו, לעבן צוזאַמען מיט א סך אַנדערע חברים אין איין בשותּפותדיקער היים — דעם סניף.

דער אידעאַל פון לעבן אין א קאָמונע, די דערציונג צו אַזאַ לעבן, וועלכע אונזער באַוועגונג גיט אירע חברים, איז שטאַרק ביהילפיק ביים סאָציאַליסטישן דערציען דעם מענטשן, אָבער עס שטעקט אויך אין דעם א סכנה: אונזער דערציונג צו דער קאָמונע וואָס איז אין אונזערע באַדינגונגען אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט. קאָן אין א געוויסער מאָס אָפּשוואַכן ביי די חברים די וואַכזאַמקייט פון דעם אַלגעמיינעם סאָציאַל-פּאָליטישן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס און זיי קאָנען זען דעם וועג צום סאָציאַליזם, נאָר דורך דער פּריזמע פון קבוץ. די שטרעבונג פון אונזער באַוועגונג, אַלס טייל פון אינטערנאַציאָנאַלער מאַרקסיסטישער באַוועגונג איז דאָך — אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם אומעטום, סאָציאַליזם פאַרן גאַנצן פאָלק און דער גאַנצער מענטשהייט. פאַר דעם וועג צום סאָציאַליזם אַנערקענט אונזער באַוועגונג — דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון אַרבעטער קעגן קאַפּיטאַליזם.

עס איז נישט געווען ביי אונז די דאָזיקע סכנה פאַר דער מלחמה, ווייל אונזער באַוועגונג איז געווען א באַוועגונג פון אַרבעטער-יוגנט און ווי אַלע אַרבעטער האָבן אונזערע חברים צוליב זייער לאַגע געמוזט זיין סאָציאַליסטן. זיי זיינען געווען באַוווּסט דורכן קאַפּיטאַליזם, זיי האָבן אויף זיך אַליין געפילט זיין אומיושרדיקייט און צעפוילטקייט. די יוגנט און קינדער, וואָס געפינען זיך אין אונזערע רייען היינט, קענען נישט דעם קאַפּיטאַליזם, דאַקעגן זעען זיי די שווערייקייטן, מיט וועלכע עס קומט אויס זיך צו ראַנגלען יעדן לאַנד פון זיך בויענדיקן סאָציאַליזם. דערפאַר פאָדערט זיך ביי אונז היינט מער ווי תמיד אַן אינטענסיווע אויפקלערונגס-אַרבעט אין סאָציאַליסטישע פראַגן. פּונקט ווי אין אונזער נאַציאָנאַל-יידישער דערציונגס-אַרבעט, לערנען מיר פיינט האָבן דאָס גלות-לעבן און ליבן ארץ-ישראל, דאַרפן מיר אין אונזער דערציונגס-אַרבעט צו סאָציאַליזם, איינפלאַנצן שנאה צום קאַפּיטאַליזם און אַלע זיינע באַגלייט-דערשיינונגען: פאַשיזם, מלחמה א. א. וו., ליבע צום סאָציאַליסטישן אידעאַל און דערלערנען די וועגן פון זיין פאַרווירקלעכונג. מיר דאַרפן צו דעם צוועק אויסנוצן אַנטשפּרעכנדיקע ליטעראַטור-ווערק, דערציילונגען, פילמען, דערציילן וועגן פאַקטישן לעבן פון מענטשן און פעלקער, בכדי קלאָר פאָרצושטעלן דעם וועג וואָס פירט צום סאָציאַליזם. דאַרפן אין אונזערע סניפים סיסטעמאַטיש דערלערנט ווערן די יסודות פון מאַרקסיזם, געשיכטע פון דער געזעלשאַפט און פון דער אַרבעטער-באַוועגונג ווי אויך רעגולער באַהאַנדלט ווערן די פראַגן, וואָס נורטעווען היינט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג.

די דאָזיקע אַרבעט, געפּאָרט מיט אונזער קבוצישער דערציונג וועט אונז געבן דעם טיפּ סאָציאַליסט צו וועלכן די באַוועגונג שטרעבט: א מענטש, א פאַרווירקלעכער, א-חלוץ — פאַרן פאָלק און אַרבעטער-קלאַס.

ח. ה.

